

# גליון ובדבר ישועה

## ליום טוב סוכות - ושמחת תורה

"ובדבר ישועה" בגמטרי' "ראדשיץ"


יצא לאור ע"י



ישיבה ומתיבתא "תורת אמת" ד'ראדשיץ

ניתייסד ע"פ בקשת הרה"ק מטאהש שליט"א

ובנשיאות הרה"צ מוה"ר יחזקאל יהודה הלוי גליקמאן שליט"א

נו"נ הרה"ק סב"ק מופה"ד מרן רבינו ישכר בער ב"ר יצחק מראדשיץ זצ"ל


## ♦ זמן שמחתינו ♦

מיר דרייען זיך איצט צווישן גרויסע און פארכטיגע טעג, גייענדיג פון איין יום טוב צום צווייטן. פון די פארכטיגע אטמאספערע פון הייליגסטען טאג פון יאר יום הכיפורים גייען מיר אריין אין די פרייליכע טעג פון יום טוב סוכות. אין די ספה"ק ווערט אויספירליך ארומגעשמועסט אז דער צוזאמענהאנג צווישן די צוויי ימים טובים איז, אזוי ווי ביים חטא העגל האט דער אויבערשטער געוויזן פאר די אידן אז ער האט זיי מוחל געווען די עבירה דורכדעם וואס ער האט זיי באפוילען מיט די מצוה פון הקמת המשכן, וואס דאס האט געדינט אלס אן עדות אז זייער זינד איז פארגעבען געווארן, אזוי אויך דורך די מצוה פון זיצן אין די סוכה וואס קומט גלייך נאך יום כיפור, איז דאס א באווייז פאר די אידן אז זיי האבן גע'פועל'ט מיט זייערע תפלות און זייער רוף איז דערהערט געווארן.

דאס איז פשט וואס דער פסוק דרוקט אזוי שטארק ביי די מצוה פון סוכה, כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, אז בלויז די אידישע קינדער זאלן זיצן אין די סוכה, ווייל לויט ווי מיר האבן געברענגט פון די ספה"ק, קען נאר זיצן אין די סוכה א איד וואס האט תשובה געטאן דעם פארגאנגענעם יום הכיפורים, דערפאר זאגט דער פסוק באזונדער ביי די מצוה פון ישיבת סוכה, כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, נאר די אידן וואס האבן געהאלטן און אפגעראכטן דעם יום כיפור, קענען און דארפן זיצן אין די סוכה.

פון די אנדערע זייט איז דאס אונז זייער שטארק מחייב. די ספה"ק ערקלערן, אז ווען השי"ת האט באפוילען אויפצושטעלן דעם משכן, האט זיך אויסגעפעלט א שטארקע אחדות צווישן אידן, ווי מיר זעען אז דער פסוק זאגט "ויקהל" משה, ווען ווען משה רבינו האט געוואלט איבערגעבן דעם ביישפיל פון אויפבויען דעם משכן איז די הקדמה דערצו געווען "ויקהל", ער האט צוזאם גענומען דאס פאלק און זיי ערשט אנגעזאגט איבער די מצוה פון זיך האלטן באחדות, ערשט דערנאך קען מען אויפבויען א משכן. לויט דעם דערמאנטן יסוד אז די מצוה פון סוכה איז אין די זעלבע בחינה פון אויפשטעלן א משכן, דארף זיין די זעלבע הקדמה פאר מ'גייט צו, צו די מצוה פון ישיבת סוכה, אז מ'זאל זיך האלטן באחדות.

די גמ' זאגט אויפן פסוק כל האזדח בישראל ישבו בסוכות (סוכה כ"ב), כל ישראל ראויין לישב בסוכה אחת, אלע אידן קענען זיצן אין איין סוכה, זאגט דער שפת אמת, אז דא זעט מען דער וויכטיגקייט פון די מדה פון אחדות, פאר'ן גיין צום יו"ט סוכות, דאס איז אויך די סיבה, פירט ער אויס, פארוואס יו"ט סוכות קומט גלייך נאך יום כיפור, ווייל אין יוה"כ איז דאך יעדער באחדות מיט'ן צווייטן, מ'בעט זיך איבער פאר יום כיפור, איז דאס די פאסיגסטע צייט אז מ'זאל גלייך דערנאך אפרעכטן דעם יו"ט סוכות, ווען מ'איז הונדערט פראצענט באחדות.

מיר געפינען אויך אין פסוק ווי השי"ת זאגט זכרתי לך חסד נעוריך, אזוי ווי דו גייסט איצט ארויס פון דיין באקוועמע שטוב אריין אין די סוכה די דירת עראי, אזוי האסטו דעמאלטס איבערגעלאזט דין באקוועמע וואוינונג, אהבת כללותיך, אלע אידן האבן זיך ליב געהאט צוזאמען, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה, און זענען נאכגעגאנגען דעם אויבערשטן אין מדבר, נישט וויסענדיג פון וואו מ'וועט נעמען צו עסן,

*המשך בעמוד הבא*

## ♦ וזאת התורה ♦

### לעיני כל ישראל

עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים, אז דער מנהג איז מ'זאל ענדיגן א ס"ת אינמיטן די שורה, מרמז צו זיין אז מיר האלטן נאך אינמיטן די תורה עס איז נישט מעגליך צו ענדיגן.

א איד קען נישט זוכה זיין צו תורה נאר דורך יראת שמים, ווי די משנה לערנט אונז, אם אין יראה אין חכמה. דאס ווארט "ישראל" איז א רמז אויף "ירא שלם", גאנץ אין יראה, דאס איז דער רמז פונעם שילוב. די תורה ענדיגט זיך מיט די ווארט ישראל, צו זיין א ירא שמים, און דערנאך קען מען זוכה זיין אנצופאנגען לערנען בראשית ברא אלקים.

(דגל מחנה אפרים)

דער סיום פון די תורה איז מיטן אות ל', דער אנפאנג איז מיטן אות ב'. דאס זענען די אותיות ל"ב, מרמז צו זיין אויפן מאמר חז"ל, רחמנא "לבא" בעי, דער עיקר וואס השי"ת פארלאנגט איז דאס הארץ.

(אבני זכרון להרה"ק מלובלין זצ"ל)

לויט וויפיל די אידן קוקען אריין אין די תורה הקדושה, לויט דעם איז דער בראשית ברא, ווערען נתחדש יעדן טאג די השפעה טובה פאר די וועלט, וואס דאס קומט אראפ יעדן טאג באזונדער.

(ספרים הקדושים)

דאס ווארט "ישראל", אנטהאלט אין זיך די אותיות "אשרי", דאס זעלבע דער אנפאנג פון די תורה פאנגט זיך אן מיט "בראשית" וואס האט אויך אין זיך דאס ווארט "אשרי". דאס איז לויט ווי חז"ל זאגען (ברכות י'), כל פרשה שהיתה חביבה על דוד פתח בה באשרי ומסיים בה באשרי, יעדע פרשה וואס איז געווען באליבט פאר דוד האט ער אנגעהויבן מיט אשרי און געענדיגט מיט אשרי. אזוי אויך דארף די תורה זיין באליבט ביי יעדן ערליכן איד.

(תורת משה)

די תורה ענדיגט זיך מיט די ווארט "ישראל", וואס איז ראשי ר"ת י'ש ש'שים ר'בוא א'ותיות ל'תורה, און יעדער איד האט זיין חלק אין די תורה. דעריבער פאנגט זיך די תורה אן מיט דעם אות ב', צו ווייזן אז די תורה הקדושה איז דאס "בית" פאר יעדן איד, ווייל יעדער איד האט דאך א חלק אין די תורה, און דאס איז פשט פון דעם שילוב.

(ספרים הקדושים)

# דינים והלכות

## ישיבת בסוכה

ג. בברכת שהחיינו בקידוש ליל יו"ט, יש לכוון על היום ועל מצות סוכה, [ועל עשיית הסוכה].

ד. בליל א' דיו"ט צריך לאכול פת בשיעור מעט יותר מביצה ללא הפסק דבור, וכזית מזה יאכל בתוך אכילת פרס {4 דקות}, ולכן יאכל את שיעור הפת ללא דגים וכדומה. ורצוי לבלוע כזית בבת אחת. ויכוון לקיים מצוות עשה באכילה זו.

ה. בכל שבעת הימים כשיושב בסוכה יזכור לכוון לשם מצוה וכן יזכור את טעם המצוה הנאמר בתורה "למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי" ונחלקו אם היו אלו סוכות ממש או ענני כבוד, וכן זכר ליציאת מצרים.

ו. בקידוש בבוקר, אם מיד נוטל ידיו לאכילה יברך לישב בסוכה לפני אכילת הפת {ויש חולקין, ודעביד כמר עביד}, ואם אוכל מזונות יברך לישב בסוכה לפני שתית היין.

ז. מברכים לישב בסוכה על סעודת פת יותר מכביצה, והמנהג לברך לישב בסוכה גם על מזונות או תבשיל מה' מיני דגן יותר מכביצה {ולא על שתיית יין} וראוי אח"כ לשבת זמן מה בסוכה.

ח. האוכל סעודה בסוכה ונשאר בסוכה עד הסעודה השניה, אם לא יצא בינתיים לחצי שעה לא יברך שוב לישב בסוכה.

ט. ההולך באמצע סעודתו מסוכה לסוכה אחרת, יש מחלוקת אם צריך לברך לישב בסוכה ומספק לא יברך.

א. נהגו שאין נשים מברכות לישב בסוכה, אך יכולות לברך אם נהגו כך בביתם.

ב. קטן מגיל 5-6 {לפי חורפיה} יש לחנכו לאכול ולישון בסוכה.

## הברכה של ד' מינים

א. יש נוהגים לברך על ד' מינים בתוך הסוכה לפני התפילה, ויש הנוהגים לברך בתוך הסוכה לפני הלל.

ב. בנענועים יש לכסכס בעלים גם בהולכה וגם בהבאה ולא מספיק לדחוף את הלולב לכל צד.

ג. מותר לשתות טֵה או קאווע לפני נטילת לולב, ויש נוהגים להחמיר ביום ראשון. ונשים אעפ"י שנהגו לברך על הלולב, יכולת לטעום ולשתות קודם.

ד. מצוי מאד שבאמצע ובפרט לקראת סוף החג נפסלים ההדסים או הערבות מחמת יובש או נשירת עלים ויש לשים לב על כך.

## שמחת תורה

א. אין לתת לילדים לפני בר מצוה להחזיק ס"ת לבד בשעת ההקפות, אלא א"כ גדול מחזיק עמהם, משום כבוד התורה.

ב. ראוי מאוד שלא ליתן עלי' לקטנים אלא א"כ יודעים לקרוא בס"ת או להקשיב לקריאת הבעל קורא, וילדים יותר קטנים אפשר לצרפם לגדולים מהם שיאמרו ביחד את הברכה.

*המשך "זמן שמחתינו" מעמוד הנ"ל*

וואס לזכר דעם זיצן מיר דאך אין די סוכה. אויך דא האט אבער דער פסוק אריינגעווארפן אינדערמיט "אהבת כללותיך", מ'האט זיך ליב געהאט צוזאמען, וואס דאס ווייזט אז די מצוה פון סוכה פאדערט פון אונז די מדה פון אחדות און אהבת חברים.

אויך דער נאמען פון יו"ט "חג האסיף" איז מרמז אויף אחדות אסיף איז די טייטש צוזאם נעמען. דאס קומט אויך מרמז זיין אז צו די מצוה פון סוכה דארף זיין די הקדמה פון אחדות. נאך אן אינטערסאנטער יסוד ווערט ערקלערט אין די ספה"ק. די מצוה פון סוכה איז א רמז אויף די וואלקענס, די ענני הכבוד, וואס איז געווען אין זכות פון אהרן הכהן, וואס אהרן איז געווען באקאנט מיט זיין מדה פון אוהב שלום ורודף שלום, דעריבער איז יו"ט סוכות א רמז אויף שלום און אחדות.

דער תפארת שלמה טייטשט אויס מיט די גמ' דערציילט, אז ביי שמחת בית השואבה איז מען נישט געשלאפן פון גרויס דביקות, פרעגט די גמרא, ווי איז מעגליך אויסצוהאלטן אן שלאפן? ענטפערט די גמרא אז מ'האט זיך אנגעלאנט איינער אויפ'ן אנדערן. זאגט דער תפא"ש, אז דער רמז דערפון איז, אז מ'האט זיך נאענט געהאלטן איינער מיט'ן אנדערן, מ'האט זיך מחזק געווען מיט דברי חיזוק.

דעם זעלבן רמז געפינען מיר אין אלע ספה"ק אויף דעם וואס מ'נעמט די ד' מינים און מ'שאקעלט דאס צוזאמען, וואס יעדע מין פון די ד' מינים ווייזט אויף אן אנדערן סארט ביי כלל ישראל, בעסערע און שוואכערע, און מיט דעם וואס מ'נעמט זיי צוזאם איז מען מרמז אז מ'דארף זיך האלטן צוזאמען און מקרב זיין יעדן סארט איד לאביהן שבשמים.

אויך ווערט געברענגט אין די ספה"ק, אז דער נאמען "זמן שמחתינו" וואס דער יו"ט סוכות טראגט איז א רמז אויף אחדות, ווייל דער סדר פון טאנצען איז מיט א רינג וואו ס'איז נישטא קיין אויבענאן. יעדער איד איז איינ‏יג אין די רינג וואס דאס איז די אמת'ע אחדות. דערפאר איז דער יו"ט א זמן שמחה, ווייל דאן איז דער ריכטיגע צייט אז מ'זאל זיך מקבל זיין צו האלטן באחדות מיט אלע ערליכע אידן.

נישט אומזיסט זעט מען ווי דער שטן רוהט נישט און פרובירט אז די אלע ליידיגע צייט וואס מ'האט אין די טעג זאל נאר ברענגען מחלוקת און דאס פארקערטע פון אחדות, ווייל דער תכלית פון די טעג איז דאס פארקערטע, ווי מיר זעען אז די מצוה פון סוכה ווערט אנגערופן "סוכת שלום", ווייל דער ציל פון די מצוה פון סוכה איז צו ברענגען שלום און אחדות ביי אידישע קינדער.

מיר לעבן אדורך שטורמישע צייטן, מ'ווינקט אונז פון אלע זייטן אז נישט לאנג וועט דויערן און דער עני רוכב על החמור וועט אנקומען, וואס דען וועט מען ריכטיג זען אז אידישע קינדער האבן נאר דאן זייער חשיבות ווען זיי האלטן זיך באחדות. לאמיר זיך פארנעמען אין די טעג מרבה צו זיין שלום ואחדות און נישט זוכן צו לייגן אויל אויפ'ן פייער פון מחלוקת ר"ל. דאס וועט מקרב זיין די טעג פון משיח צדקינו, ובקרוב וועלן מיר זוכה זיין הרחמן הוא יקים לנו את סוכת דוד הנופלת בב"א.

# דבר ההורים...

## לטובת ישיבתינו הקדושה

*לכ' הנהלת הישיבה החשובה ישיבת תורת אמת ד'ראדשיץ*

אחדשה"ט באה"ר, איר וועט פון מיינע שורות אליינס זעהן אז איך בין בכלל נישט קיין שרייבער אין איך האב אסאך געקווענקעלט, צו שרייבן ביז איך האב באשלאסן צולאזן מיינע געפילן אליינס שרייבן וזה תוארו:

אזוי ווי איך פיל א פערזענליכע הכרת הטוב פאר די ישיבה, מיט דעם וואס איר האט אריינגענומען מיין זון דעם פארלאפענעם זמן הבעל"ט, האב איך גענומען די מיה אראפצו שרייבן א ביסל מיינע געפילן כלפי די ישיבה, און אלץ דאנקבארקייט וויל איך אייך איבערגעבן די געפילן פון נאך עלטערן וואס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן צו זיי, וועגן אונזערע קינדער און וועגן די ישיבה, איך וועל נישט לייקענען אז איך האב געהערט קריטיק אויך, פאר איך האב מחליט געווען אריין צו לייגען מיין בחור אין ראדשיץ (אין גראדע פון אזעלעכע עלטערן וואס ווייסען באמת נישט וואס דארט טוט זיך אין ישיבה...) אבער די מעלות וואס עס האט, זענען כולם פה אחד געווען שטארק בייאיינדרוקט און צופרידן.

קודם וועל איך אנהייבן וואספארא געוואלדיגע שינוי איך האב געזען ביי מיין זוהן שיחי', צום אלעם ערשטען גייט ער אין די ישיבה מיטן גאנצען ברען, און איך זעה אז ער האט הנאה דארט צו זיין ווי לענגער און ווי מער, עד כדי כך אז עס איז די ערשטע מאל וואס איך הער פון אים זיך אפרעדן אז עס קומט א "בין הזמנים"!

און ער האט מיר אויפן טעלעפאן געמאלדן, אז ער קומט נאר אהיים ביז ראש השנה, ווייל אויף ראש השנה מיז ער זיין צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א ביי טאהש'ער רבין שליט"א, וואס כאטש אונז באלאנג מיר בכלל צו אן אנדערע חסידות, זעה איך אבער זיין התקשרות אז ער וויל זיין צוזאמען מיט זיין ראש ישיבה אפי' ראש השנה ווען עס נישט דא קיין סדר הישיבה.

און איך וועל אריינהאקן עפעס וואס איינער פון די עלטערן האט מיר געזאגט אז ער פלעגט נישט האבן א געהעריגע גיטע שפראך מיט זיין זון, ער איז נישט חלילה געווען צוקריגט מיט זיין זון, אבער ער האט נישט געהאט מיט אים קיין שום שפראך, און זייט ער לערנט דארטן פילט ער א געוואלדיגע שינוי אין דעם, וואס ער איז תולה אז דאס קומט פון דעם וואס זיין זון האט געפונען, א אוזן קושבת און טראסט ביים חשובן ראש ישיבה שליט"א וואס דאס האט אים געוויזן די וועג זיך ארויסרעדן און זיך דורכרעדן מיט אנדערע און עלטערן.

די צווייטע זאך איז מיין זוהן האט נישט די בעסטע קאפ, און די שיעורים אין זיין געוועזענע ישיבה איז אים געווען זייער שווער מיט צוהאלטן במילא איז ער געווען נייגעריג צו בלייבן אינדרויסן פון כתה, וואס דאס האט אים געברענגט פראבלעמען מיט די משגיחים מנהלים וכו' וכו', אבער ווי איך הער פון אים האט ער נאכנישט פארפאסט קיין שיעור אין ראדשיץ, ער זאגט מיר אז די סטעף איז זייער פריינטליך צו אים מען לייגט נישט קיין פרעשור אויף אים, עס הערשט נישט קיין אנגעצויגענקייט, די אמסטאפער איז א רואיגע און ווארעמע, מען באגייט זיך צו אים איידל און פריינטליך, און אזוי אויך וויל ער נישט ווי טון דעם משגיח אדער דעם מגי"ש, און זיכער נישט דעם ראש הישיבה, און דער נאך זענען די שיעורים פיל אינטרעסאנטער פאר אים, ער פילט פון זיי א סיפוק און אינטערעס, ב"ה.

איך שרייב אייך דא, אן אויסדרוק, וואס איך האב געהערט פון מיין זון, בתוך הדברים, "איך בין זייער דאנקבאר פאר די ישיבה אז זיי האבן מיר געמאכט לערנען און קענען מיטהאלטן א שיעור". דערנאך האב איך געזעהן א שינוי, מיט זיין התנהגות אינדערהיים, און נאכמער האב איך עס געהערט פון אנדערע, אז ביי זיי איז דאס פי כמה, צום ביישפיל האט מיר איינער פון די עלעטרן פארציילט אז זייער זון איז זייער געווען נאכגעלאזט אין נקיות, מאכן זיין בעט צוזאם נעמען זיין וועש, אבער גייענדיג אין ישיבה, ווי עס איז דא א שטארקע דגוש פארן זיך האלטן ריין, און מאכן די שטוב אין די בעט, איז עס געווארן ביי אים א טבע שני, אזש ער דערהייבט שוין נישט ווען יענער לאזט זיין וועש ארום פליען.

מיין זון גראדע איז נישט קיין צופלויגענער בטבע אבער ווי איך האב באמערקט א חילוק, איז ביים עסן, ער עסט מיט א איידעלקייט און מיט דרך ארץ, ער גרייט זיך אן וויפיל ער דארף, נישט מיט די אויגן וכו', ער וואשט זיך און בענשט אין א סידור, זאכן וואס איך אלעמאל פראבירט צו פועלן ביי אים, און עס איז מיר נישט געגאנגען, האב איך געזען א שטארקע התעלות ב"ה, וכן יעזור ה' להלאה.

אבער דער עיקר וואס איך וויל ארויס ברענגען ועל זה באתי, איז מיין עיקר בריוו געצילט צו דאס התקשרות צום ראש ישיבה, איך זעה ווי פאר מיין זון האט זיך געפענט א נייע וועלט, ער האט איינעם צו ווענדן זיך צו ווענדן בכל עת וזמן, ער לעבט מיט זיין ראש ישיבה א גאנץ יאר, אין איך באווינדער די עקסטערע געדולד און שפראך, וואס דער ראש ישיבה טרעפט צו יעדן בחור, און ווי אזוי ער איז גרייט צו יעדן בחור בכל עת מצוא, אסאך מאל ווי איך (און אויך אסאך עלטערן) פארליר די געדולד מיט מיין זון, שיק איך אים צום ראש ישיבה, און וואונדער איבער וואונדער דער ראש ישיבה האט אייביג זיין שפראך מיט אים, ער רעדט פון די שבתים מיט'ן ראש ישיבה מיט אזא געשמאק און דערהויבענקייט, וואס איך שעפ חיות פון זיין פרישקייט.

איך וועל ענדיגן מיינע ווערטער, איך קען נאך שרייבן און שרייבן, דאס איז טאקע די סיבה וואס איך האלט אין איין אפשטיפן מיין בריוו, ווייל איך טראכט אלץ פון נאך און נאך וואס צו שרייבן, אבער איך האב יעצט אפגעמאכט אז אביסל מיז איך שרייבן מיינע געפילן, כדי אייך מחזק זיין און אויסדרוקן אביסל אונזער דאנקבארקייט, און אייך זאגן און לאזן צו וויסן טון אז מיר זעהן וואס איר טוט מיט אונזערע טייערער קינדער.

איך וויל אייך באדאנקען אין נאמען פון מיר און מיין ווייב און אין נאמען פון די אנדערע צופרידענע אויפגעראכטענע עלטערן, און אין זכות פון מגדל זיין, און אריינלייגען די בחורים די ריכטיגע שאיפה פון ישיבה, אין נישט סתם האלטן, נאר זיי ארויפברענגען העכער און העכער, (איך קען ממש זאגען, מיין בחור קומט אהיים מיט מער יסודות און הדרכה אין אידישקייט, ווי ווייט איך האב מיך נאכגעפרעגט אין אנדערע מקומות) זיי אוועק צושטעלן אויף די אייגענע פיס . צו קענען גיין ווייטער אויפשטעלן אליינס אידישע שטיבער, (ווי מיר זעהן האט די ישיבה געהאט 4 תלמידי הישיבה חתנים כ"י) די אלע זכותים זאל אייך באגלייטן און משפיע זיין אויף אייך אלע ברכות אויף שטענדיג.

*ווי עס שרייבט זיך אייך א צופרידענער טאטע*

*מיט פיל דאנקבארקייט מיט אלע עלטערן אינאיינעם.*

*ח.א.י.ה*



# ולקחתם לכם פרי עץ הדר

## וואס א משגיח מומחה לאתרוגים דערציילט...

הרב שלמה אליעזר גליקמאן שליט"א אחיו של כ"ק מרן הראש ישיבה שליט"א

צום הייליגער רבי ר' מרדכי'לע מנדבורנה זצוק"ל, פלעגט מען ברענגן יעדעס יאר אן אתרוג. מ'דארף פארשטיין, יענע יארן ווי אזוי אן אתרוג האט שוין געקענט אויסקוקן. פארפלעקט מיט פינטעלעך! קוים וואס מ'האט געקענט זאגן, אז דער אתרוג, איז א הדר!! דער הייליגער ר' ר' מרדכי'לע האט דאס אריינגעלייגט אינעם ארון הקודש ביז נאך יום הקודש און נאכדעם פלעגט ער דאס ארויסנעמען און דאס פלעגט זיין א אתרוג א יופי א הדר א כליל המעלות.

**<u>יאנעווע אתרוגים</u>**

אויף דעם דארף מען מקדים זיין דעם תשובת חת"ם סופר סימן ר"ז וז"ל "ומן הדין דינו של אתרוג כדין עוף טהור נאכל במסורת על כן אותן הבאים מיענאווע שמסורת בידינו מאבות אבותינו ורבותינו חכמי הצרפתים אשר מעולם יושבי מדינות אשכנז שיוצאים ידי חובתן באתרוגים הבאים מיענעווע הן הנה הכשרים ואין צריך לשום סימן". קומט אויס פון דעם אז יאנעווע אתרוגים דאס איז די חשובסטע אתרוגים! ווייל דאס האבן געניצט אונזער רבי'ס און עלטערן און די פריעדיגע דורות.

**<u>הלכות אתרוג</u>**

די תורה הק' זאגט אינעם פסוק ולקחתם לכם פרי עץ הדר וכו', אשר על כן מוז מען נעמען דעם הדר און עם איינטיילען אין קעטעגאריע'ס אזוי אז יעדער איינער זאל קענען צוקומען צו א שיינעם אתרוג א הדר!

**<u>גידול</u>**

וואס איז דאס הדר? וואס איז דאס טייטש? וואס וויל אונז די תורה מיט דעם זאגען? אויף דעם איינעם ווארט "הדר" זענען שוין ים'ן מיט טינט פארגאסען געווארן!! און גאנצע ספרים שענק אנגעפילט געווארן!! און אזוי אויך האט יעדער איינער אן אייגענעם טייטש ביי זיך אין די קעשענע אויף דאס ווארט הדר! אבער מיר דארפען וויסען באמת דעם ריכטיגען אפטייטש פון הדר! (עיין בשלה"ק מסכת סוכה אות י"א) און לפי דעת רוב פוסקים מיינט דאס ווארט הדר "דעם גידול" דער געשטעל פונעם אתרוג ווי מיר ווען אייך דאס פראבירן מסביר צו זיין אויף אן אופן אז יעדער איינער זאל קענען פארשטיין לויטען מציאות האתרוג היינטיגע צייטען, ע"פ רוב א אתרוג וואס איז נקי מכל! איז אינעם גידול נישט אזוי שיין! אויב יא גייט דער אתרוג אריין אין די קאטעגאריע פון די מבחרים שבמובחרים, וואס דאס פארקויפט זיך היינט פאר גאר טייער געלט, ווייל עס איז באמת דא פון דעם זייער וויייניג.

לאז מיר אייך געבען א דוגמה, וואס ווען איר זאגען צו אן אתרוג וואס קוקט אויס בערך א ציור אזוי ווי א באנענע מיט א גרוסען הויקער, אבער איין מורא'דיגע מעלה האט עס, עס איז נקי מכל, נישט קיין בלאט פלעק, נישט קיין שווארצע פינטעל, איז דאס א הדר וואס איר וואלט זיך פארגעשטעלט ?.... מוז דאך זיין אז קודם מוז מען קוקען אויף דעם גידול!! קודם פאר מען הייבט אן בשעת'ן נעמען דעם אתרוג אין די הענט אריין דארף דער גידול זיין א שיינער!!

**<u>שווארצע פינטלעך</u>**

יעצט הייבט מען אן קוקען אויף דעם ריינקייט! יעצט כדי דאס צו פארשטיין וועלן מיר אייך קודם פארציילען א מילתא דבדיחתא, עס איז אמאל געקומען א יונגערמאן צום רב ארויס נעמען א כתב קבלה אויף שחיטה, דער רב פארהערט אים און ער קען גאר גוט, דער רב גייט ארויס פון התפעלות און זאגט אים, יעצט לאז מיר זעהן ווי אזוי די שחט'ס למעשה, דער יונגערמאן נעמט ארויס דעם מעסער און בייגט איין די צוויי פיס און וויל אנהייבען אריין שניידען, דא האט דער רב פארשטאנען אז די הלכות קען ער גוט אבער די מציאות האט ער נאך קיינמאל נישט געזעהן, און ממילא דאס ווייסט ער נישט, די זעלבע איז ביי אונז מיטן שווארצע פינטעל, אז מען וועט גוט קוקען אויפען אתרוג וועט מען זיך באגעגענען מיט שווארצע פינטלעך, **אבער די שוואצע פינטעל וואס ווערט געברענגט אין די ספרי פוסקים, מיט די שווארצע פינטעל וואס די מענטשן זעהן אויפן אתרוג זענען נישט די זעלבע!!** דער שווארצע פינטעל וואס ווערט געברענגט אין די פוסקים דאס ברענגט מען היינט ניטאמאל אהיים דאס ווערט דארט איבער גלאזט אויפען פעלד, ממילא דאס איז נישט דער שווארצע פינטעל וואס איר דערזעהט זיך ביים מוכר.

**<u>בלאט פלעקען</u>**

צו פארשטיין וואס א בלאט פלעק איז, דארף מען זיך קודם אויסקענען און וויסען ווי אזוי א אתרוג בוים וואקסט.

**א אתרוג בוים איז נישט אזא זאך וואס מאנכע טוען זיך איינרעדען אז דאס טוט וואקסען בדרך נס, ווי עס דריקען זיך אויס אויף געוויסע אתרוגים "דאס דארף נישט קיין השגחה, וויל דאס וואקסט ווילד פון זיך אליין"** - א אתרוג בוים דארף מען כסדר פלעגן און באַרבעטען אויב וועט מען נאכלאזען אביסעל פון דעם, איז דער שפיל א פארלוירענער, ווי מחנכים טוען כסדר צושטעלען דאס ווארט כי האדם עץ השדה אז מיט חינוך דארף מען אויך כסדר זיין פארנומען.

**<u>שתולים בבית ה'</u>**

אן אתרוג האט א ספעציעלע וועג ווי אזוי מען טוט דאס אנפלאנצען, נישט מיט קערנדלעך ווי מען טוט געוועונטליך, נאר מיט א צווייג פון א פריערדיגע בוים, דער צווייג דארף זיין כאטשיג צוויי יאר אלט און אויך דארף דאס האבען אין זיך צוויי רינגען קנאפ אינעם צווייג, נאר אזוי וועט ארויס קומען א פרישע אתרוג בוים.

**<u>ושאבתם מים בששון</u>**

אן אתרוג בוים דארף האבן אסאך וואסער, נישט סתם וואסער נאר עס מוז זיין <u>"גשמי ברכה"</u> וועט איר אודאי פרעגען וואס איז דאס גשמי ברכה? עס איז דא צוויי ערליי רעגען "גשמי ברכה" און גשמי וואס איז נישט ברכה, גשמי ברכה איז אזא רעגן ווי ווען איינער גייט ארויס אויפען גאס און ער זעהט אז עס קוקט אויס ווי עס גייט רעגענען, נאר עס דריזעלט, מען שפירט נישט אזוי שטארק די רעגן, איז למשל ער איז מסופק אויב ער זאל ארויף לייגען זיין פלעסטיק אויף די היט, אז עס זאל ווערן באשיצט פינעם רעגן, דאס ווערט אנגערופען גשמי ברכה, פארקערט ווי למשל א האריקען, עס גייט א מורא'דיגע שטארקע רעגן, אז ער דארף שוין גארנישט טראכטען פון א פלעסטיג אויף זיין היט, דאס איז נישט קיין גשמי ברכה.

די חלוקים פון די צוויי ערליי גשמים, וועט אויסקומען אז א בוים ווי למשל א אתרוג בוים וואס דארף האבן זייער שטאטע רעגן, און עס וועט קומען שטארקע רעגן וועט די גאנצע בוים גיין לטימיון, ווייל די גאנצע רעגן אנשטאט עס זאל גיין אויף די פירות גייט דאס גראד אריין אין דער ערד, און די ווארצלען קענען נישט געהעריג הנאה האבן, ממילא וועגן דעם האבן די פארמערס אויס געארבעט א וועג צו באוואסערן די אתרוגיםביימער אויף אזא אופן ווי גשמי ברכה עס זאל גיין כסדר, יעצט פארוואס דארף טאקע דער אתרוג בוים האבן מער גשמי ברכה ווי א צווייטע בוים? די תירוץ אויף דעם איז, ווייל געווענטליך א בוים וואקסט די שרשים טיף אין דער ערד, אבער א אתרוג בוים וואקסען די שרשים צו די זייטען פונעם בוים אויפן אויבען פלאך, נישט טיף אינטער די ערד, און דאס איז טאקע איינע פון די סיבות פארוואס א אתרוג בוים לעבט נישט צו לאנג!

**כשושנה בין החוחים**

יעצט  אז מיר ווייסען שוין ווי אזוי אן אתרוג טוט וואקסען, דארפען מיר זיך באקענען מיטען בוים, ווי אזוי קוקט אויס דער בוים? דער אתרוג טוט וואקסען כשושנה בין החוחים, צווישען דערנער, דאס הייסט דער שיינער אתרוג הענגט אויפן בוים קומט א קליין ווינטעל און ער געט א בלאז דעם אתרוג, וואס געשעהט? דער אתרוג קלאפט אריין אין א דארן, דער דארן איז זייער שפיציג נאך מער שפיציגער ווי א נאדעל, ער גיט א קראץ אריין אין דעם אתרוג און שפעטער ווערט דאס פארהיילט, און דאס ווערט אנגערופען בלאט פלעק, ווידער אבער די קליינע שווארצע פינטלעך וואס מען דארף קוקען מיט א 17X פארגרעסערינג גלאז און דעמאלסט דארף מען אויך האבן סייעתא דישמיא ביז מען זעט דאס!! דאס איז נישט דער שווארצע פינטעל וואס אונזערע פוסקים טוען רעדן, דאס קומט פון די מעדיצינען וואס מ'באשפריצט דעם אתרוג ער זאל שיין וואקסען אז די ווערים זאלען עם נישט אויפעסען, און דער זין טוט איינבאקען אין דעם אתרוג דאס קעמעקיל און פון דעם ווערט געזען שווארצע פינטעלך.

**מורכבים**

איבער דעם דרייט זיך שוין א וועלט, מיר וועלן דא אראפ לייגען געוויסע יסודות, כדי צו געבען צו פארשטיין די פראבלעם פון מורכב, וואס איז דאס? וואס איז די פראבלעם? וואס הייסט מורכב בכלל?

**יסוד א'**

מאנכע מענטשן זאגן אז מורכב איז א נייע זאך וואס האט זיך אנגעהויבן פאר 50 יאר צוריק און די וואס וואוינען דארט אויבן אויפן בארג זיי זענען נישט מורכב ווייל זיי זענען זייער פרימיטיוו און זיי ווייסען נישט וויאזוי מען איז מרכיב צו דאס איז א גוטע טענה? וועלן מיר באלד אליינס פארשטיין ווייל דאס ענין פון מורכב זיין איז שוין באלד אזוי אלט ווי דער וועלט שטייט! ווייל ווער ווייסט ווי ווערט געברענגט די ערשטע וועגן הרכבה?? און די תורה!! און פרשת וישלח שטייט א פסוק "הוא ענה אשר מצא את הימם במדבר" מיר גייען נישט אריינגיין און אפטייטשן די פסוק, נאר "צא ובדוק ותמצא נחת" און די תורה איז שוין אלט 4000 יאר און דאס איז טאקע דער פראבלעם פון מורכב ווייל די תורה אסר'ט דאס און משום דנעבד בה עבירה אזוי ווי עס שטייט אויך אין רמב"ם (הלכות כלאים פ"א ה"ה) "כלאי האילנות הרי הם בכלל מה שנאמר "שדך לא תזרע כלאים". כיצד? - המרכיב אילן באילן, כגון שהרכיב יחור של תפוח באתרוג או אתרוג בתפוח - הרי זה לוקה מן התורה בכל מקום, בין בארץ בין בחוצה לארץ. וכן המרכיב ירק באילן או אילן בירק - לוקה בכל מקום".

וועגן דעם איז נישט מותר צו נעמען א מורכב'דיגע אתרוג (עס ווערט אויך געברענגט א דיעה און די פוסקים אז בני המורכב איז שוין נישט אסור אבער מיר נעמען דאס נישט אן נאר  בניהם ובני בניהם כלשון החת"ס עד עשר דורות לא יבא בקהל ה' טאר מען אויף דעם נישט מאכן א ברכה) ממילא די וואס וואוינען דארט אויבן אויפן בארג ווייסען יא! וויאזוי מ'איז מורכב עס איז נישט פאר זיי קיין חדשות ממילא דארף דאס אויך האבן א גוטע הכשר אז עס איז בלתי מורכבים.

**יסוד ב'**

אז א אתרוג בוים דארף מען פלעיגן אויב נישט גייט דאס א גאנג, און איטאליע איז דא א פעלד וואס דארט איז דא צוויי הונדערט שורות מיט ביימער און עס באלאנגט צו צוויי שוואגערס 100 שורות פון די רעכטע זייט באלאנגט פאר איין שוואגער (JIMMY) און די אנדערע 100 שורות צו די לינקע זייט באלאנגט פאר אן אנדערע שוואגער (FRANCISCO) אין עס איז דא א וואסער וואס טיילט אפ אינצווישען דער פון די רעכטע זייט איז א פוילער, און דער פון די לינקע זייט איז א פלינקע, דער פון די רעכטע זייט קען מען קיין איין איינציגע אתרוג נישט  נוצען, אין דער פון די לינקע זייט יעדעס איינע אתרוג איז א מובחר שבמבחרים, ווייל אז מ'לייגט נישט אריין קיין כוחות וואקסט דארט שטרוי!! ממילא מוז דער מוכר האבן א גוטע הכשר אז עס איז בחזקת בלתי מורכבים.

**יסוד ג'**

"ווי אזוי וויסט מען אז די שתולים מיט וואס מ'פלאנצט איין דעם בוים אז דאס איז נישט פון קיין מורכבים"? די תירוץ איז, אין דאס איז א וויכטיגע יסוד פאר שפעטער אויך, אז מ'דארף וויסען די סיבה פארוואס מען איז מרכיב!! די סיבה פארוואס מען איז מורכב איז ווייל אזוי ווי מ'האט פריער געשמועסט לעבט אן אתרוג בוים נישט מער ווי 15-17 יאר און דער פארמער וויל נישט האלטן און איין פלאנצן ביימער ער וויל האבן דעם פרדס און ער זאל ארויסגעבן פרוכט פאר לאנגע יארן טוט ער מורכב זיין דעם בוים מיט אן אראנדש בוים אזוי באקומט ער א שטארקע האלטונג אבער דאס מיינט נישט אז די קינדער דאס איז שוין א שטארקע זאך נאר ער מוז די קינדער אויך טוען די זעלבע זאך עכ"פ קען מען וויסען וועלכע עס איז מורכב און וועלכע נישט, ווייל ער מוז איבער טוען די זעלבע זאך פאר יעדע שתול און מ'קען אויך זעהן פון ווי ער האט דאס גענומען צו ער איז געווען א מורכב צו נישט.

**מרכבים חדשים**

אבער דער פראבלעם איז נאך טיפער ווי מ'מיינט ווייל אמאל האט מען געמאכט איין מין מורכב וואס דאס האט זיך זייער שטארק אנגעזעהן דאס איז די באקאנטע קניפ וואס מ'האט געזעהן, אבער די חברה זענען קלוגער געווארן, בערך פאר 10 יאר צוריק האבן זיי אויסגעטראפן א נייער מין מורכב, דאס אז מ'שטעלט צוזאם צוויי צווייגען איינס אקעגן איבער די אנדערע און מ'לייגט ארום אזא מין (band aid) עס זאל זיך שיין צוזאמען וואקסען מיט די צייט נעמט מען אראפ דעם band aid  און אויב איינער וואס איז נישט א מומחה און דעם מין הרכבה קען דאס קיינמאל נישט באמערקן, אז דא איז עפעס געשעהן, און אז דער בוים איז מורכב און דאס איז א גרויסע חסרון ווייל ביז עטליכע יאר קען מען גארנישט באמערקן, צודעם קומט דאס אבער באגלייט מיט א מעלה! וואס ביי די אלטע וועג פון הרכבה אויב מ'האט נישט געוואלט אז מ'זאל באמערקן אז די בוים איז מורכב פלעגט מען מאכן א בערגעלע מיט ערד ארום דעם בוים צוצודעקן דעם קניפ אבער ביי די נייע מין וועג פון הרכבה קען מען דאס נישט מאכן ווייל די טבע פון א יעדע בוים איז אז די שרשים וואקסן אויף אראפ אבער ביי אן אתרוג בוים ווי פריער געשמועסט וואקסן די שרשים צו די זייטען וואס געשעהט אויב מ'מאכט א בערגעלע מיט ערד העכער דעם ווערט עס צוטיילט די צוויי צווייגען און דער אתרוג הייבט אן צו וואקסען אויף די אייגענע כח אבער דער פראבלעם ווערט הערשט מיט אפאר יאר שפעטער.

ווער עס האט א פיש טאנק טאנק אינדערהיים ווייסט צו זאגן אז דארט אינעם וואסער מיז זיין אזא זאך א מין  yeast  וואס קומט פון וואסער אזוי אויך די בוים וואס האט מיט די צייט אסאך וואסער ווערט ארויף געוואקסן פון דעם yeast אויפן בוים אין מ'קען נישט דערקענען אז דאס איז מורכב,  און אזוי איז טאקע געשעהן א איטערעסאנטע מעשה פאר פינעף יאר צוריק איז געווען א גוי וואס מ'פלעגט אייביג נעמען פון אתרוגים אבער ווען מ'איז אריינגעקומען און זיין פעלד האבן מיר באמערקט איננו אתנו כמתמול שלשום וואס דאס איז די ערשטע ראי' אז עפעס טויג נישט נישט דא האבן איינע פון די משגיחים געכאפט א שמועס מיט אים אזוי לויט די הוראות פון די רבנים, איז אז מ'שמועסט מיט אים און מ'כאפט ארויס פון אים א ווארט כמסיח לפי תומו, אבער דאסמאל האט עס נישט געהאלפן ער האט גארנישט גערעדט, האט מען

גענומען די צווייטע וועג וואס דאס הייסט "הייס קאלט" אז, די משגיחים דרייען זיך ארום צווישען די שורות און אויב באמערק מען אז ער ווערט נשתנה צורה, הייבט מען אן דארט צו גראבן מיר דארף אייך נישט זאגען זיין ריעקשאן, ער איז געווארן ווילד האט מען אים געפרעגט וואס גייט פאר האט ער מיט געוואלד געמוזט מודה זיין האט מען ווייטער געקוקט האט מען געזעהן אז ער האט אויסגעמישט דעם פעלד מיט די ביימער איז געווען א זיצונג מיט די רבנים און מ'האט אפגעמאכט אז מ'טאר נישט מער אריבער טרעטן זיין פעלד.

**<u>ד' סימנים</u>**

איינע פון די ערשטע זאכן וואס מ'באקוקט ביי די אתרוגים זענען די סימנים!! די סימנים ווערט אראפ געברענגט און תשובות הרמ"א וואס דער מהר"ם מפאדאווע האט צו אים געשיקט וויבאלד ער האט געוואוינט אין איטאליע און די חת"ם סופר ברענגט אים אראפ און או"ח סימן ר"ז און אין סימן קפ"ג ווי ער ברענגט דארט ארויס אז די אתרוגים פון יאנעווע האט שוין א מסורה פון טויזענטער יאר פון די גרעסטע ראשונים האבן פון דארט גענומען זייערע אתרוגים און די חת"ם סופר פירט אויס אז אתרוג קען מען נישט ניצען נאר מיט מסורה און די אתרוגים פון יאנעווע האט די חשובסטע מסורה.
אויך ווערט געברענגט א קבלה פונעם הייליגען בעל התניא אז משאמר הקב"ה למשה ולקחתם לכם פרי עץ הדר שלח משה רבינו שליח ליקח אתרוג מקלאבריע איטאליא און טאקע וועגן דעם זענען די חבד'צקער מדייק צו נעמען דווקא אן אתרוג פון יאנעווע.

א) די שאלאכטס איז זייער א דיקע
ב) טעם עצו ופריו שוה
ג) די קרענדלער זענען שטייענדיג
ד) די זאפט פון די פרי איז זייער ווייניג

די חת"ם סופר שרייבט ווייטער אז אפילו מיט די סימנים קען מען זיך נישט אויף דעם פארלאזען נאר עס מוז גיין מיט א מסורה ווייל די סימנים זענען נישט מן התורה, אבער עס איז כדי צו אויסשמוסען אביסעל די סימנים דאס אז צו טעם עצו ופריו שוה, דאס אז די שאלאכטס איז א דיקע, דאס קען דאך יעדער איינער זעהן, אבער און פאקט ווענד זיך דאס אויך מיט וועלכע בוים מ'איז דאס מורכב און די צייטען פונעם חת"ם סופר ווי עס ווייזט אויס און זיין תשובה האט מען דעמאלסט מורכב געווען מיט א לעמאן בוים און א לעמאן איז טאקע די שאלאכטס דין אבער היינט טוט מען מורכב זיין מיט summer orange הייסט דאס, און דארט איז די שאלאכטס דיק ממילא די סימן האט שוין א פראגע צייכען,
טעם עצו ופריו שוה, איז אויך נישט קיין ראי' ווייל מיט די נייע הרכבה האט גארנישט מיט די אראנדש בוים, נאר אז ער האלט אים אינטער, און די טעם עצו ופריו איז טאקע שוה, אבער א מומחה קען כאפן א חילוק, די בלעטער זענען אביסל אנדערשט, און די שמעק פון די זאפט וואס קומט ארויס זענען אנדערשט.
אז די קערענדלער זענען שטייענדיג, זענען ווי כמעט אלע אתרוגים שטייענדיג.

**<u>לסיכום הענין</u>**

כדי יעדער זאל קענען האבן א שיינעם אתרוג אזוי ווי עס שטייט און די תורה ולקחתם לכם פרי עץ הדר דארף מען וויסען א כלל אין הדר, לפי דעת רוב פוסקים, מיינט הדר דעם גידול, נאכדעם וואס מ'האט שוין א שיינעם גידול קען מען אנהייבן צו זוכען און פארשידענע דרגות ווי ריין די אתרוג זאל זיין וועדט זיך אויך וויפיל געלט ער קען זיך ערלויבן צו צאלן פארן אתרוג. ע"כ בקיצור גדול ועוד חזון למועד.

**והיית אך שמח**

# מעשה רב

*מהרה"ק מופה"ד מרן רבינו סבא קדישא ישכר בער ב"ר יצחק מ'ראדשיץ זצוקללה"ה*

בעת שנתפרסם שמו של מרן הסבא קדישא בעולם ובאו אליו מארבע פנות העולם, שפעם אחת אירע שבמשך כמה שבועות נאספו יחדיו בערך ארבע מאות חולים מסוכנים, ולא היה לו להרה"ק פנאי להפנות אליהם ולתת לכל אחד תרופה לנפשותם, כי קשה היה לו לבטל שיעוריו הקדושים הקבועים לו, אשר ע"כ קרא למשמשו ר' נחמן וצוהו להכריז בכל העיר ואצל כל האכסניות אשר החולים התאכסנו שמה, שלמחר בשעה שלישית אחה"צ עד שעה רביעית יבואו כל החולים לבאר מים חיים הנמצא סמוך לביתו, ושם יתן לכולם תרופתם לנפשותם, וכן היה, למחר בשעה זו נאספו כל החולים להבאר ההוא והיה בינם הרבה מהם שלא יכלו ללכת והוכרחו להובילם שמה עם עגלות קטנות, והסבא קדישא צוה לקחת שני אנשים גבורים שישאבו מים מהבאר ההוא כל אותו השעה, ויחלקו לכל החולים שישתו מהמים וגם שירחצו מהם, וכן עשו וכולם נתרפאו ממעיני הישועה, ובתוך בין החולים היו נמצאו אנשים שפקפקו בזה, והיו מאמינים ואינם מאמינים שלמחלת קשים ואנושים כאלה יועלו המים ההם לרפאותם ממחלתם, ולא עשו כאשר פקד עליהם רבינו זצ"ל, ואחר כך באו אל מרן הסבא קדישא שיתן להם תרופה, והישב להם רבינו הק' **אני התפללתי אל השי"ת שימתיק לי המים להיות לרפואה על שעה אחת שאוכל לרפאות בהן החולים שבאו אלי, שהיו המתינו עלי זה כמה שבועות, כדי שלא אצטרך לבלות זמני ולבטל את שעורים הקבועים שלי, והשם יתברך ריחם עלי והנני בזה ששלח לי מים חיים מבארה של מרים,** ועתה אם לא האמנתם בי לקחת מים חיים מהבאר ההוא כשאר חולים והלכתם בהתחכמות אם כן אין לי לעת עתה שום עצה עבורכם והלכו בפחי נפש.

( כידוע שרבינו הק' היה מקפיד מאוד על אלו שהלכו בהתחכמות, ואמר בלה"ק **ווער עס גייט מיט התחכמות ווערט דערווייטערט פונעם אייבערשטין"** עכלה"ק)



מיים חיים של רביה"ק זצוק"ל שנתגלה לאחרונה

**דרכו של מרן הסבא קדישא מראדשייץ זי"ע לרפאות לההולאים הבאים אליו ברפואות שונות לזה נתן שיריים מפריסת המוציא שלו, ולזה ממי הבאר אשר הי' לו בבית נמשך ע"י שפופרת של קנה מהבאר אשר הי' סמוך לביתו ונתן לכל אחד מן החולאים זכוכית מים ומיד נתרפאו כל ששתה מהמים הלז ויהי זאת לנס ולמופת לעין כל, ובראות הסבא קדישא זי"ע שאנ"ש תמהו ע"ז ענה ואמר להם הלא זהו מרומז בתוה"ק ועבדתם את ה' אלקיכם וברך את לחמך ואת מימיך והסירותי מחלה מקרבך, דאם עובדים את השי"ת ככתוב בתורה אז בירך השי"ת את הלחם ואת המים שלו, שיהי' ביכלתם לרפאות עי"ז לכל מיני חולאים שבעולם, עכלה"ק.**

**ותודה להרב דוד זינגער שליט"א**
**שפעל הרבה למען קדושת בית החיים בעיר ראדאשיץ**

# מעשה רב

## מהרה"ק מופה"ד מרן רבינו סבא קדישא ישכר בער ב"ר יצחק מ'ראדשי"ץ זצוקללה"ה

אירע פעם שנה אחת שלא הי' בנמצא אז אתרוגים רק מעט מזעיר וגם המעט לא הי' כתיקונם שיהי' ראוין לברכה, ושמע מרן הסבא קדישא זצ"ל, שאצל סוחר א' מאתרוגים בווארשא נמצא אתרוג אחד הדר שאין כמהו, והוא רוצה עבורו סכום הגון, וימהר הסבא קדישא וישלח תיכף משמשו לווארשא אל סוחר הנ"ל לקנות האתרוג עבורו בכסף מלא כאשר ישית עליו הסוחר, כאשר בא המשמש לווארשא שאל תיכף על הסוחר הנ"ל והלך אצלו, כבואו אל הסוחר הנ"ל צוה תיכף להראות לו האתרוג הנ"ל כי רבו הקדוש שלח אתו סכום הגון, והראה לו האתרוג, בתו"כ בא ג"כ שליח מיוחד מהרה"ק ממאגילגיצא זי"ע לקנות האתרוג הנ"ל, ולא ידע הסוחר לשית עצות בנפשו מה לעשות ולמי למכור האתרוג הנ"ל, וחשב זמן מה, והתיישב בדעתו ואמר "**הגם ששניהם צדיקים יסודי עולם אבל הרה"ק ממאגילגיצא זצ"ל יותר גדול בתורה מהרה"ק מראדשיץ זצ"ל, לכן לו משפט הבכורה**", ומכר האתרוג הנ"ל, עבור הרה"ק ממאגילגיצא זצ"ל, ולא השגיח על טענת משמש הסבא קדישא מראדשיץ שיש לו דין קדומה שבא קודם, וגם נשא ונתן בהאתרוג, כאשר נסע משמשו לביתו בפחי נפש, בלא האתרוג וסיפר כל המעשה לרבו הסבא קדישא מראדשיץ, אז נחלשה דעתו מזה מאד.

לאהר כמה ימים אירע מעשה שצמחה לבת הסוחר אתרוגים הנ"ל, געוויקס על מצחה כדמות אתרוג, ויהי להם זאת לבזיון גדול עד אין לשער ולתאר גודל חרפתם.

והי' עמה בכל בתי הרפואה, ולא הי' נמצא בווארשא וכמעט בכל מדינת פולין רופא או פראפעסאר שלא הי' עמה, וכל התרופות הי' ללא יועיל, כי לחתכו לא הי' יכולים, מחמת שהי' אומרים שהוא סכנה גדולה ר"ל, מפני שהי' נגעה במוחה, והנערה הנ"ל הולכת כמשוגע ר"ל, מגודל הבושת והשחוק שנעשתה לעיני חברותי' ללעג ולקלס, וכל מי שרצה, אמר דבר ליצנות עלי', והוכרחה לשבת בדד מחברותי', עד שרצתה לתת קץ לחייה רח"ל, וגודל הבכיות מהנערה אין לשער, עד שראה אבי' שאין לו שום עצה טבעיות והתיישב בדעתו ואמר לב"ב מי יודע אם זה לא הוא מהקפדת מרן הסבא קדישא מראדשיץ, וסוף סוף אין לי שום עצה עבורה רק לשפוך שיחי לפניו, ואמרו אליה כן הדבר ואם לא תיסע עמה תיכף כולנו אבדנו חלילה, ויסע תיכף הסוחר הנ"ל עם בתה, אל מרן הסבא קדישא מראדשיץ ובבואו שמה הוכרח להמתין שמה זמן מה, עד שיכלו לכנוס, וכאשר נכנס בקודש פנימה הי' בוש מתחלה לגשת אל השלחן שישב שם הסבא קדישא זי"ע, מחמת שידע חטאו, עד שקרא לו מרן הסבא קדישא זי"ע, שיקרב אל השלחן, אז נגש אל השלחן באימה ויראה ובכי' גדולה, ופייס למרן הסבא קדישא, וביקש ממנו שימחול על חטאו, כי לא נתכוון חלילה לעשות זאת במרד ולבזות את כ"ק מרן בזה, אז אמר אליו הסבא קדישא בזה"ל **לא תעלה על דעתך שיש לי תרעומות ע"ז ששלחת האתרוג אל הרה"ק ממאגילניצא כי עם סחורתך תוכל לעשות מה שאתה חפץ, ובטח גם המאגילגיצער הוצרך להאתרוג כמו אני, רק ע"ז שאמרת בדעתך הקלושה ואמרת שהמאגילגיצער יותר גדול בתורה ממני, והכלמת אותי, לזה גבר כח התורה שלי ועשה בך נוקמין, כי מאין ידעת זאת למדוד התורה של שנינו**, ואמר עוד אליו השמעת מהרה"ק הרבי ר' ישעי'לי מפרשעדבארז זצ"ל, מגודל עוצם חריפותו ובקיאותו בש"ס ופוסקים עד שאדמו"ר הרה"ק מלובלין זצ"ל, אמר עליו ("מיין שאנק ספרים") אירע לו פעם שעמד כמה ימים על תוס' אחד מוקשה מאד ולא ידע הפי' בתוס' הנ"ל, וכאשר ראיתי שהוא מייגע עצמו והולך אנה ואנה וחושב, שאלתי לו איזה תוס' קשה לך והראה לי התוס' ועיינתי בו כרבע שעה ואמרתי לו הפי' בהתוס' הנ"ל, ותחי רוחו עליו, ויהי בעיניו פליאה גדולה, והי' מתמה ע"ז מאד, ושאל אותי בזה"ל אני שהיתי ועמדתי על זה התוס' כמה ימים ולא ידעתי הפי' בזה התוס' בשום אופן ואתם אמרתם אותו בשעה מצער כזה, מאין ידעתם הפי' הנפלא הלז, ועניתי לו ואמרתי שאין זאת חידוש אצלנו, האם אינכם יודעים מה שעושים אם אין יודעים הפי' בתוס' או שאר מאמר חז"ל, ואמרתי לו אם אינם יודעים הפי' אזי ממשיכים את בעל המאמר והוא אמר הפי' המבורר, ומאז והלאה כאשר הי' לו דבר סתום בנגלה או בנסתר, שאל אותי הפי', וכאשר סיים מרן זצ"ל, אמר אליו מעתה תשמור פיך ולשונך מלדבר סרה על שום צדיק, ולקח הסבא קדישא מעט שמן וסכה לה הגעוויקס ולא שהה הצי שעה ונפל היבלת ונתרפאת אח"כ לגמרי עד שלא הי' ניכרת שם על מצחה שום רושם כלל, וגודל השמחה מהאיש הנ"ל ובתה היתה אין לשער, בבואם לשלום לביתם ותגדל שם השמחה, וכל קרוביהם ומכיריהם באים לראות הנפלאות האלו, ונתפרסם שמה ג"כ המעשה הלז, עד שידעו מזה

הרופאים שאמרו שאין שום תקוה לזה, ובאים שמה לראות, ושאלו אותם באיזה מקום דר צדיק כזה אשר יכול לשנות הטבע, כי לפי שראינו בעינינו, לא הי' באפשרות בשום אופן להסיר זאת, מחמת שהומשך זאת מהמוח, ועתה אם כן הוא מוכרחים אנחנו ליסע שמה, ולהכיר אותו צדיק וכן עשו, הרופאים נסעו שמה ובראותם שם כל מיני חלאים ובעלי מומין ר"ל אשר אין להם שום תקוה, ועוד הרבה נפלאות, הרופאים הנ"ל נעשו בעלי תשובה גמורים ונתקשרו אל הסבא קדישא זי"ע.

שמעתי מהרה"צ המפורסם ר' מאיר איטשע זצ"ל מפיעטרקוב שהי' התנו של הרה"ק ר' ישעי'לי מפראגא זצ"ל והי' מחסידי ראדשיץ ולאהר פטירת הסבא קדישא זצ"ל הי' מחסידי ראדאמסק, סיפר לי החסיד הנ"ל ששמע מרבו הרבי ר' בער זצ"ל,

שקודם שנעשה מנהיג ורבי על עם קדוש הי' עני גדול מאד והרבה תעניתים סבל מחמת חסרון לחם, פ"א אירע לו שקודם יום הכפורים לא הי' לו לאכול והתענה איזה ימים, וגם לאחר יוהכ"פ הי' חי בלחם צר ומים לחץ ועל חג הסוכות לא הי' לו שום דבר לכבוד יו"ט, וישב בביהמ"ד עד ערב יו"ט בלילה של סוכות אחרי התפלה ולא הלך לביתו כי ידע שאין לו כלל מה לאכול, אבל בעיו"ט לקחה אשתו איזה תכשיט שהי' לה ומכרה אותו בעד איזה סכום ומזה קנתה נרות ותפוחי אדמה, וגם לעשות חלות, וכאשר כל האנשים יצאו מהסוכה בא הר"ר בער להסוכה וכאשר ראה הנרות וחלות שמח מאד ונטל ידיו, ואולם יען שהי' רעב מאד כי ישב בתענית איזה ימים, אכל התפוחי אדמה בחשק מחמת גודל רעבונו, והתיישב בעצמו ואמר לעצמו בזה"ל, "**בעריל" הלא אין אתה יושב בהסוכה רק בתוך הקערה, ותיכף פסק מלאכול**, זאת סיפר הרבי ר' בער זי"ע להחסיד הנ"ל.




# תלמידי ישיבת תורת אמת ד'ראדשיץ פארענדיגן גאר א געהויבענעם זומער זמן מיט א פייערליכען שבת התאחדות

### ספעצילע ברכת הקודש פונעם מייסד הישיבה הרה"ק מטאהש שליט"א פאר תלמידי הישיבה און הנהלת הישבה לקראת הימים הנוראים און נייעם יאר

מאנרא, ניו יארק. - טוב שם משמן טוב, די געוואלדיגע גוטע גריסן פון די ראדשיצע ישיבה, איז דער שמועס פון די ישיבה'שע גאס, און די אויסערגעווענליכע הצלחה, האט שטארק אויסגענומען ביי די עלטערן און תלמידי הישיבה, און מיט פריידיגע געפילן פאלגט דער חרדי'שער ציבור אין ניו יארק נאך, די הערליכע אנטוויקלונגען פון די בארימטע "ישיבה תורת אמת ד'ראדשיץ", וועלעכע שטייגט זמן נאך זמן מיט גרויס הצלחה העכער אלע ערווארטונגען, ב"ה.

עס איז ב"ה א צופרידענער פאקט, אז במשך די יארן, איז די ראדשיצער ישיבה - וואס איז געגרינדעט געווארן בעצת קדשו ובפקודת כ"ק מרן אדמו"ר הרה"ק מטאהש שליט"א, אויסגעשטיגן אלס א הערליכע תורה פעסטונג, פאר בחורים מופלגים פון ערליכע חסידי'שע שטיבער, וועלכע שטייגן גאר שיין אויס במעלות התורה ויראת שמים, דורך אן איבערגעגעבענער סטעף פון ערפארענע מחנכים און מדריכים, וועלכע גיבן זיך איבער מיט געטריישאפט פאר יעדן בחור באזונדער, אים ארויפצוברענגען צו זיינע העכסטע דרגות.

ווי באקאנט איז "ישיבה תורת אמת ד'ראדשיץ", דער פיאנער פון די ישיבות למיניהם, ווי מען ארבעט מיט יעדן בחור באזונדער לפי כשרונותיו, און שטייט שוין פינעף יאר, כולם שוים לטובה, בהנהלת הרה"צ ר' יחזקאל יהודה גליקמאן שליט"א, די ישיבה האט פון דעם ערשטן יאר, ב"ה זוכה געווען צו א זעלטענע סייעתא דשמיא און הצלחה, און איז ברייט בארימט געווארן אלץ מקום מוכשר פאר בחורים יקרים יראי ה', וואס האבן נישט מצליח געווען אין אנדערע מקומות מאיזה סיבה שהוא, און דא האבן זיי מצליח געווען נאך יותר מכפי המשוער, און נאך עד היום הזה ווי אלע מחנכים כולם פה אחד טוען זיך אויסדריקען, "די ראדאשיצער ישיבה די "טאפ אוו די ליין" פון אלע ישיבות", און האלט אן איר סוקסעס ראטע אויפן העכסטען ארט ב"ה, וכן יעזור ה' להלאה

**העוסקים במלאכת הקודש**

די ישיבה איז ב"ה געבענטשט מיט א געלונגענעם שטאב פון פראפעסיאנאלע מגידי שיעור און מדריכים, וואס זענען ספעציאליזירט אינעם פעלד פון חינוך בחורי חמד, און צייכענען זיך אויס ספעציעל צו פארשטיין דעם נפש הבחור, און זיך אראפלאזן צו זיינע אלע באדערפענישן, וואס מיט דעם קען מען ריכטיג מקיים זיין דעם חנוך לנער על פי דרכ"ו, הלא המה: הרה"ג ר' משה ציג שליט"א דער מנהל רוחני פון די ישיבה, וואס טוט אנפירן די ישיבה ביד רמה ובדעת ותבונה, און איז ברייט באוואוסט מיט זיינע געוואלדיגע טאלאנטען אין חינוך און זיך אראפלאזן צו יעדן בחור בעתו ובזמנו, הרה"ג ר' שאול יצחק ראבינאוויטש שליט"א רב דקהל משכנות הרועים בקרית יואל, אן אהוב לכל בני קהלתו, און לייגט א געהויבנעם רושם פון ערליכקייט און העכערקייט, אויף אלע בחורים, זייענדיג מבני עלי' אן אייניקל מהרה"ק ר' בנימין הצדיק (מ'רבינוביץ) זצוק"ל, מחברי הביד"ץ דעיה"ק ירושלים און טאקע מבאר חפרוה שרים איז דער רב שליט"א משפיע פאר די בחורים הויפענעס מיט יראת שמים, און מיט הדרכות ישרות במהלך החיים, בנוסף צו זיין שטארקן כח הסברה און ארייין לייגען דעם ריכטיגען טעם אין א בלאט גמרא, זייענדיג אן א איש האשכולות מיט געלונגענע כשרונות; הרה"ג ר' יעקב יוסף ראטשילד שליט"א, מגדולי המחנכים בעיה"ת מאנסי יצ"ו וואס שמו הטוב הולך לפניו ביי אלע תופסי ישיבות און גדולי הרבנים, מיט זיינע גרויסע פעולות אין די ענינים, הרה"ג ר' אהרן ציג שליט"א מג"ש בקיאות מיט זיין וואנדערבארן הסבר טוען די בחורים שלונגען יעדן שיעור בטוב טעם ודעת, הרה"ג ר' יעקב אלי' טורנהיים שליט"א משגיח ומשפיע רוחני לפצ"ה, וועלכער איז אן עקספערט אין דעם געביט, און מיט זיינע געלונגענע כשרונות גיט ער זיך אוועק בלב ונפש פריוואט צו יעדן בחור, הרה"ג ר' יואל האפמאן שליט"א, משגיח לאחה"צ, וואס איז פקיע שמיה מיט זיינע פעולות לטובה, אינעם מוסד "עזר לבחורים", וואס האט אויף איר אגענדע צענדליגער אויפגעראכטענע תלמידים, וואס זיי האבן משיב געווען לאביהם שבשמים און נאכדעם געהאלפן אויפשטעלן ערליכע אידישע שטובער; הרה"ג ר' שלום גאלדמאן שליט"א, מגי"ש ביינאכט, וואס ער געט ארויס זיין גלאנגענם שיעור אין חומש רש"י בטוב טעם ודעת, ווי אויך וואס ער גיט אריין פילע ידיעות אין קורות ימי חז"ל און תולדות היהדות, וואס ברייטערט אויס די קענטענשאפטען אין די תלמידי הישיבה, און דערנאך דער משגיח רוחני דעם אלעמען באקאנטען משמח אלוקים ואנשים הרב ר' פישל האלפערט שליט"א.

ועל צבאם שטייט דער חשוב'ער ראש הישיבה, הרה"צ בנש"ק ר' יחזקאל יהודה הלוי גליקמאן שליט"א, וועלכער איז גאר שטארק איבערגעגעבן און מקושר צו די תלמידים, וכמים פנים אל פנים זענען אלע תלמידים זייער צוגעבינדן צו אים בעבותות אהבה.

**די אייגנארטיגקייט פון די ישיבה**

דער סוד פון דעם געוואלדיגען סוקסעס פון די ישיבה איז דער מהלך פון די ישיבה, ווי אזוי דער סדר היום איז צוגעשטעלט מען לייגט צו קאפ און מוח אז דער סדר היום זאל טאקע מיטגעהאלטן ווערן דורך אלע בחורים, דער סדר היום פון די ישיבה אזוי ווי א נארמאלע ישיבה נישט אז מען האט נאכגעלאזט דעם סדר הלימוד אדער זמנים צו אנדערע זאכן פון א מסגרת השיבה, ראשית שטייט מען אויף פארטאגס און מען לערנט א שיעור בקיאות פארן דאווענען אלץ א דערהויבענע הכנה צום דאווענען, דערנאך ביים דאווענען ווערט געלייגט א ספעציעלער דגוש אז מען זאל פארשטיין די פירוש המלות און כוונות התפלה וואס די שיעורים ווערן פארגעלערנט דרוך די תלמידי הישיבה זעלבסט וואס קוקן זיך פאר יעדער אויף אן אנדער חלק פון דאווענען, און מען איז מלקט מפי ספרים וסופרים די כוונות התפלה, און אזוי אויך דאווענט דער ראש ישיבה מיט די בחורים און מען דאווענט מיט א חיות אין א ברען,

**הבן יקיר לי**

די מגידי שיעורים זעהן אז א יעדער בחור זאל מיטהאלטן דעם שיעור, און אז מען באמערקט ווי דער בחור איז נישט עפעס דא היינט מיטצוהאלטן דעם שיעור, ווערט דאס נישט וואו אין אלע ישיבות פארקוקט אדער דער בחור ווערט אנגעשריגן און פאלט אזוי ארויס אינגאנצען פון דעם מסגרת, דער מגי"ש כאפט א אפענעם שמועס

מיט דעם בחור צו דערגיין דעם פראבלעם, די געוואלדיגע אפענקייט פון די סטעף מיט די בחורים, ברענגט דעם געוואלדיגען הצלחה אז דער בחור וויל מיט ארבעטן זיך אליינס צו העלפען, און אזוי איז מען מצליח, די ישיבה איז דעם בחור'ס בעסטע פלאץ און ער וועט טון אלעס ער זאל קענען דא זיין, און ב"ה אזוי ארבעט מען מיט יעדן באזונדער און דאס איז טאקע א שווערע ארבעט אבער הזורעים בדמעה ברנה יקצרו, און יעדן סוף זמן גייען די בחורים אהיים מיט א געוואלדיגען התעלות, און א טיפע דאנקערבארקייט פאר די הנהלת הישיבה, מגי"ש, סטעף, ועל כולם פארן ראש הישיבה שליט"א,

עס ווערט אויך געטון מיט די בחורים זייטיגע זאכן און די פרייע צייט וו.צ.ב.ש אויספלוגן, שווימען א.ד.ג. אין די בחורים קענען זיך אויסלופטערן מיט נגינה, מאלן, אלעס מיט די סטעף און מיט א פריינדליכע אמסטאפער, אבער פארשטייט זיך אז דאס נאר פאר די בחורים וואס האלטן מיט אלע סדרי הישיבה בשלימות,

**ליל שישי בנועם שיח**

א הערליכער פארברענג מיט די משגיחים און ראש הישיבה שליט"א, קומט פאר יעדן ליל שישי, ווי מען זינגט ווארעמע ניגונים אלץ הכנה ליום השבת, מען פראוועט א לחיים און מען הערט דרשות און שמועסן פון די חשובע משפיעים און מגי"ש, און פונעם חשובען ראש ישיבה שליט"א, וואס מאכט א שיינעם סך הכל פון די וואך און גיט חיזוק אויף די קומענדיגע וואך.

**הושענא ציון המצויינת**

אזוי אויך איז דא א חבורה א יעדע וואך ליל שישי נאך חצות, וואס גייט לויט א סדר פון די תלמידי הישיבה, וואס פארן זיך משתטח זיין צו קברי צדיקים ווי הרה"ק מסאטמאר, סקולען, פאפא, סקווירא, **ריבניץ**, זי"ע, אין שפיץ פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווי די בחורים בעטן זיך אויס פאר זייער הצלחה, און פאר זייערע חבירים, און ב"ה די בחורים זעהן ווי די תפלות זענען עושה רושם, אז דער זמן איז ב"ה געווען 4 חתנים אין ישיבה, וואס איז אוודאי נאר בכח תפלתן פון די טייערע בחורים.

און דא איז טאקע דאס ארט צו דערמאנען דעם הערליכען מנהג וואס איז איינגעפירט געווארן דורך דעם חשובן נגיד דער בונה ומקים עולמות של תורה, הרה"ח ר' אברהם יהושע פריינד שליט"א, מחברי הנהלת הישיבה - וואס גיט זיך אוועק פאר די ישיבה יומם ולילה, מיט א זעלטענעם איבערגעגעבענקייט, און איז נישט מסיח דעת פון די ישיבה אין קיין שום זמן און האט זוכה געווען גורם צו זיין א סאך נחת רוח ולהחיות נפש צדיק, הרה"ק מטאהש שליט"א, מייסד הישיבה - אז א יעדן טאג איז איינגעטיילט צווישען די בחורים אלע קאפיטלעך פון תהילים, ווי מען זאגט אויס צו זאמען גאנץ תהלים און א יעדער בחור האט אינזין אן אנדערע בחור, לזיווּג הגון בקרוב און הצלחה בלימודים, מען זעהט ווי די בחורים טוען דאס מיט א געוואלדיגע ערענסקייט, און דאס ברענגט אריין א געפיל צווישן די בחורים צו אינזין א צווייטען און צו וועלן זעהן במעלות חבירו, און בהצלחתו, און פארשטייט זיך אז די שמחה ווען מען זעהט בחוש ווי תפלות ישראל עושה פירות, און דער אייבערשטער האט געהערט זייער געבעט און ממלא געווען זייער בקשה אז די בחורים בני שמונה עשר זענען חתנים געווארן, האט יעדער געפילט ווי אזוי ער האט דאס געפועלט, אין די שמחה איז געווען, געוואלדיג.

הרה"ח ר' אברהם יהושע שליט"א, איז מזרז די בחורים מיט זיינע טייערע דרשות, און אפענע ישועות וואס ער פארציילט פאר די בחורים, וואס ער זעהט פון די אלע פעולות, וואס דאס ווארעמט אן די בחורים און איז זיי מחזק ממשיך צו זיין מיט די תפלות און בקשות, און אזוי אויך ווער עס האלט מיט דעם פראגראם, האט ר' אברהם יהושע שליט"א, געמאכט א סיסטעם פון גורלות, אויף נסיעות צו מקומות הקדושים, און אנדערע ווערטפולע גורלות.

**לכו בנים שמעו לי**

די בחורים האבן כסדר די זכי' צו הערן געוואלדיגע שמועסן און דברי התעוררות וחיזוק דורך די גדולי המשפיעים, ווי הרה"ג ר' ישראל דוד שלעזינגער שליט"א, וואס דער ראש ישיבה שליט"א, שטייט אין זייער א נאנטע פארבינדונג מיט הגרי"ד שליט"א, און הגרי"ד שליט"א האט א ספעציעלן קשר מיט די ישיבה און האלט מיט די כסדרדיגע בליה און הצלחה פון די ישיבה, און כסדר העלפט ארויס דעם ראש ישיבה שליט"א, מיט זיין עבודת הקודש, ונהנין ממנו עצה ותושי' ווי אזוי מגדל זיין און מחנך זיין די תלמידים על דרך ישראל סבא.

**און** הרה"ג המפורסם ר' עזריאל טויבער שליט"א וואס האט א ספעצילען קשר מיט די ישיבה בכל עת, און ער האט אסאך משמיע געווען דברי חיזוק והדרכה אריינברענגענדיג אמונה און בטחון און התבוננות אין די תלמידי הישיבה וואס האט זיך זייער שטארק אנגעזען אויף אלע בחורים,

און אזוי אויך האבן די בחורים מקבל געווען הויפענעס מיט דברי חיזוק והדרכה פון הרב החסיד הנכבד פה מפיק מרגליות הרה"ח ר' אברהם יושע פריינד שליט"א, נכד להרה"ק מנאסויד זי"ע, וואס מיט זיין לשון לימודים טרעפט ער די ריכטיגע שפראך להלהיב לבות בני ישראל לאביהם שבשמים, און חוץ פון דעם איז ר' אברהם יהושע שליט"א עיני ולבו כל הימים אין די ישיבה, מיט א אויסערגעווענליכע איבערגעגעבנקייט און נאמנות, און טוט איבערמידליכע כוחות להצלחת הישיבה.

און הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א מנהל ישיבת אור תורה שאץ מאנסי יצ"ו, און הרה"ג ר' מאיר אליעזר פריעדמאן שליט"א בעמח"ס קריאת שמע כהלכתה, ר"מ בישיבה גדולה תורה ויראה ד'קרית יואל, וואס האט ארומגערעדט בגודל ענין קריאת שמע בזמנה, און בגודל האיסור צו פארפאסען די זמן קרי"ש, די דרשה האט געלאזט א שטארקען רושם אויף די בחורים און מען האט דערקענט א געוואלדיגען שינוי אין די ברען פאר סוף זמן קרי"ש, און בעצם דאס ליינען קרי"ש, במתינות און בכוונה הרצוי'.

**וביום שמחתכם ובמועדיכם**

דעם זמן האבן די בחורים געהאט די געלעגנהייט מיט צו לעבן שמחת בית ראדשיץ, און זיך מיט צופרייען בשמחתו פון הרה"צ דעם ראש ישיבה שליט"א, ווען דער ראש ישיבה האט געמאכט בר מצוה זיין עלטסטע זון ני"ו, די בחורים האבן אויס געווארט די בר מצוה מיט גרויס התרגשות, ווילנדיג מיטטיילען די שמחה בבית עטרת ראשם דער ראש ישיבה שליט"א, און האבן טאקע אנגעטון בגדי שבת ויו"ט לכבוד די גרויסע שמחה.

די קלימאקס פון די שמחה האט זיך אנגעזען ווען הרה"צ דער ראש ישיבה שליט"א איז געפארן מיט אלע תלמידי הישיבה א נסיעה צו זיין גרויסען רבין שליט"א, צו לייגען תפילין און פראווען א שבת בצילא דמהימנותא פון דעם סבא קדישא מטאהש שליט"א, מחמת חביבות פון זיין גרויסען רבין הרה"ק מטאהש שליט"א, צום חשובען ראש ישיבה שליט"א , האט דער רבי שליט"א זיך אנגעשטרענגט מיט געוואלדיגע כוחות בכבודו ובעצמו אנצוטוהן די תפילין פארן בחור הבר מצוה, ואכן מה נהדר הי' המחזה, צו זעהן דעם רבין בעבדתו בקודש, אליינס אנטוהן דעם של יד און די כריכות און נאכדעם דעם של ראש, וואס האט געדויערט אביסל לאנג פארן רבין שליט"א דערביי שטייענדיג די משמשים בקודש ווי די רבי זיך אז ער וויל דאס אליינס מען זאל עם נישט העלפען, אבער דער רבי האט נאר געוואלט אליינס אלעס ענדיגן, און נאכן לייגען די תפילין האט מען געזעהן דעם קרן אור פניו מיט א געוואלדיגע שמחה און לעכטיגען שמייכעל, ווי די רבי וואשט די הענט פאר'ן בחור כמנהגו בקודש, און דער רבי האט ארויף געלייגט זיין האנט צו בענטשען דעם בחור און געבענדיג דרביי דעם ספר החשוב עבודת עבודה מיט חתימת יד קדשו, און נאכדעם געבענטשט דעם ראש הישיבה שליט"א, דאן זענען די בחורים אריבער לפני רבינו שליט"א און דער רבי האט יעדן אנגעווינטשען במאור פניו.

די בר מצוה איז געפראוועט געווארן אין קרית יואל, מיט די באטייליגונג פון פילע רבנים ומרביצי תורה ידידים פון די ישיבה, און פיל יוצאי הישיבה, וואס פילן נאך אלץ א קשר צו די ישיבה און צום ראש הישיבה שליט"א, א געוואלדיגען איינפיר און חידוש בבי מדרשא האבן די בחורים געגעבן א ווינדערבארע מתנה, פאר דעם ראש ישיבה שליט"א, און באשטעלט א ערנסטן בדחן וואס האט מיט הארציגע גראמען, געזאגט דברי מוסר והדרכה פארן חתן הבר מצוה פאר ער שטעלט זיך אויף זאגען די פעשעטיל, און ארויס געברענגט דעם גרויסען טאג וואס ער שטייט יעצט און די גרויסע שמחה וואס עס איז אריינצוגייען לעול התורה והמצוות, און באזונדער גאר שטארק ארויס געברענגט די רגשי התלמידים צום ראש הישיבה שליט"א, וואס ער איז באליבט ביי זיי ווי א טאטע און זיי פילן די שמחה ווי אן אייגענע שמחה אין די משפחה, אזוי אויך איז געהערט געווארן א הערליכע אינהאלטסרייכע דרשה דרוך דעם פה מפיק מרגליות הרה"ח ר' אברהם יהושע פרייינד שליט"א מחברי הנהלת הישיבה, ווי ער האט ארום גערעדט אין די גרויסקייט פון דעם סבא קדישא מראדשיץ זי"ע, און די גרויסע זכותים און ישועות וואס מען זעהט מיט דעם וואס מען שטיצט א מקום תורה וואס איז נקראת על שמו הק', און ארויסגעברענגט זיינע געפילן פון שמחה און רגש כלפי דעם חשובען ראש ישיבה, און דער ביי ארויס געברענגט זיינע הרגשים ווי ער קוקט זיך צו צו די געוואלדיגע שמחה וואס נעמט ארום די תלמידי הישיבה וואס דאס גיבט אים חיזוק ווייטער צו שטיין על המשמר אז די ישיבה זאל פארן על מי מנוחות, ביים ענדע האט ער אנגעווינטשען ברכות לרוב פאר דעם ראש ישיבה און לכל המסתופפים.

**באומנות הזביחה**

פאר ראש השנה האט מען געלערנט מיט די בחורים בעיקרי הלכות שחיטה וטריפות און מען האט געברענגט שתי כבשים וואס מען האט געשחטן בחצר הישיבה דורך דעם שוחט החשוב ר' נח גפן שליט"א, וואס האט מסביר געווען פאר די בחורים אלע הלכות במציאות מיט א קלארע הסברה, ווי די בחורים זענען געווען רואים את הנשמע, באקומענדיג א באגריף אין די אלע וויכטיגע הלכות, דער כבש איז געשחט'ן געווארן ספעציעל לכבוד ראש השנה פאר כ"ק מרן האדמו"ר מתולדות צבי דספינקא שליט"א, וואס איז דערביי געווען במשך דעם גאנצען מעמד, און דערנאך זענען די בחורים אריבער לברך ולהתברך לקראת הימים הנוראים, ווי דער רבי שליט"א האט יעדן אנגעוואונשטען במאור פניו א כתיבה וחתימה טובה.

**חבורת ורשמי רשוותא**

גאר א שטארקע זאך איז איינגעפירט געווארן דעם זומער זמן הבעל"ט, אז די בחורים האט ממנה געווען א צייכענער וואס יענער האט ביי זיך אויפגעצייכענט יעדן טאג זיין חבורה'ס התנהגות, סיי ביים דאווענען, סיי ביים שיעור, און אזוי זיין דרך ארץ זיין שמירת הזמנים וכו' וכו', און יעדע שטיק צייט זענען נתפרסם געווארן די בחורים אין די חבורה וואס שטייען די העכסטע, און צוויי מאל אינמיטן זמן איז די גאנצע חבורה וואס האט זיך די בעסטע אויסגעצייכענט געגאנגען אויף אן אויספלוג, אלץ מתן שכרה בצידה, די חבורות האבן זיך אויסגעשטעלט צו זיין א געוואלדיגע תועלת און הצלחה'דיגער וועג וויאזוי צו פארמערן דעם קנאת סופרים תרבה חכמה.

## שבת קודש משכני אחריך נרוצה

**לקראת שבת לכו ונלכה**

אין א בחינה פון הכל הולך אחר החותם, האט די ישיבה אפגעהאלטן א שבת התאחדות והתוועדות, איינס פאר די לעצטע וואך שב"ק פון דעם זמן, וואס האט ווי אפגעשפיגלט אין זיך די געוואלדיגע הצלחה פון דעם גאנצען זמן, מען איז אוועק געפארן אויף די בערג צום הערליכען פראכטפולען קעמפ, "קעמפ מלכה" -וואס לטובה יזכר די הנהלת הישיבה וואס האט מיט אירע פארבינדונגען מיט די הנהלת הקעמפ אהערגעשטעלט דעם גאנצען קעמפ לטובת הישיבה תשוה"ח להם- וואס איז ארום צוויי שעה פון קרית יואל, וואס שטייט אויף הערליכע בערג און האט גאר פרישע לופט, הערלכיע נייע צימערן, מיט פארם חיות, וואס לעבן אינדרויסן, וואס מאכט דעם לעבן פילן ווי אין אן אמאליג דערפל, מען האט געקענט מיינען אז מען איז אין ראדשיץ פוילן נאר מען האט עס אויפגעפרישט מיט נוסח אמעריקע.

וואכן לאנג פארן שבת האבן די בחורים זיך געגרייט, מיט צוהאלטן דעם שבת, מען האט איינגעפירט, א ספעציעלן סיסטעם ווי די בחורים פארדינען פון זייער התנהגות און פון זייערע שעות בתורה, און מען האט לויט דעם געקענט זיך פארזיכערן דעם שבת, די בחורים וואס האבן געהאט גאר הויכע צייכענעס זענען אהערגשטעלט געווארן מיט כל טוב וטוב, אלע זכותים, ניגונים, פונעם שבת האט זי געוואנדן אין די צייכענעס, וואס דאס האט מורא'דיג איינגעשפאנט די ישבה אויף שבת און מען האט טאקע געזען אין די וואכן בעפאר דעם שבת א זעלטענם פלייס פון התמדה בתורה התעלות בתפלה השכמה בזריזות, הצטיינות במדות, בחורים זענען נתעלה געווארן אין די וואכן צו מצויינים ממש.

אזוי אויך האבן די בחורים צוגעגרייט שיינע טאוולען פאר שבת, און גאר א הערליכער גליון "מנוחה ושמחה" איז ארויסגעקומען דורך די תלמידי הישיבה באגלייט מיט הערליכע דברי תורה און סיפורי צדיקים, וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך די תלמידי הישיבה אויף א הערליכען פארמאט, וואס דער עולם האט במשך דעם שבת שטארק הנאה געהאט.

ביים אנקומען פרייטיג נאכמיטאג האבן אפגעווארט די בחורים א ברייטע טועמיה איז סערווירט געווארן און די בחורים האבן צו געלייגט א האנט מסדר צו זיין דעם שבת און געגאנגען א ביסל ארום שפאצירן די וועלדער און הערלכיע וואסערן וואס נעמען ארום דעם קעמפ, ביים זמן כניסת השבת האט מען געהערט א דרשה נלהבה א ברענעדיגער שיעור אין ספה"ק סידורו של שבת, פון הרה"ג ר' יואל האפמאן שליט"א משפיע רוחני לאחצ"ה, וואס האט געגעבן דעם טאן פון דעם שבת דער נאך איז הרה"צ ממשכנות הרועים שליט"א צוגעגאנגען צו מנחה, צו קבלת שבת איז מכובד געווארן ר' אהרן אליעזר גרינהויט נ"י מיט שלעפענדיג נאך זיך דעם עולם מיט א געוואלדיגע ווארימקייט, נאך קבלת שבת איז מען ארויס אין פייערליכען טאנץ פון וטהר לבנו און ישמחו במלכותך, וואס האט אנגעהאלטן פאר אלענגערע ווילע, ברגשי קודש.

די סעודות שבת קודש איז צו געשטעלט געווארן דורך דעם קעכער פון די מחנה אויף גאר א ברייטען פארנעם, מכל טוב וטוב, סעודות כיד המלך, ביים סעודת ליל שב"ק האט אויפגעטרעטן הרה"צ ממשכנות הרועים שליט"א מיט גאר אן אינהאלסטרייכע דרשה, און דברי תורה איז געהערט געווארן דורך הרה"צ דער ראש ישיבה שליט"א, כדרכו נאך צו זאגן קטעים מתוך הספה"ק נועם אלימלך יעדן פרייטאג צו נאכט, וואס ער האט מקובל מרבותיו הק', און ער טוט דאס שיין מסביר זיין פאר די בחורים בנועם לשונו, דערנאך איז פארגעקומען די שיינע באטע און מען האט פארברענגט בשירות ותשבחות ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן, און מען האט פארעדנגיט די באטע מיט א פרייליכען שבת'דיגען טאנץ, ווען מען איז זיך געגאנגען אנגרייטן פארן מארגענדיגן נשמת.

שבת פארן דאווענען איז געווען א מחזה הוד צו זעהן ווי די בחורים כאפן א טבילה אין דעם טייכל אינמיטן מחנה וואס האט דערמאנט אביסל דעם אייז ברעכן פון דעם הייליגען ראדשיצער זי"ע, און דער נאך איז געהערט געווארן א שיעור פון הרה"ג ר' שלום גאלדמאן שליט"א בספה"ק אור החיים, צו תפילת שחרית איז צוגעגאנגען הרה"ח מכבד את ה' מגרונו ר' ישראל חיים גרינהויט הי"ו, און האט מהנה געווען דעם עולם בקולו האדיר.

פארן ליינען איז פארקויפט געווארן די עליות פאר שעות רצופות וואס די בחורים גייען לערנען במשך דעם בין הזמנים, ווי עס איז דער מנהג אין די ישיבה פון אלע יארן, ומה נהדר הי' המראה, צו זעהן ווי קהל קדושים רוגשים, און דער קנאת סופרים מרבה חכמה, ווי יעדער בחור פרובירט איבערצושטייגען דעם חבר מיטן צו זאגן און זיך מקבל זיין נאך און נאך שעות, די עליות זענען פארקויפט געווארן פאר שווערע הונדערטער שעות רצופות, וואס זענען דערנאך אויסגערופען געווארן ביים מי שברך, פאר יעדן בחור ותלמודו בידו.

**ראו מעלתכם לפני המקום**

ביים סעודות שבת קודש האט אויפגעטרעטן הרה"צ ממשכנות הרועים שליט"א מיט א וואונדערבארע דרשה, ארויס ברענגענדיג א מעלה און מדה נכונה פון יעדן איינציגען בחור און שטיקל איבערבליק אויף זיין התעלות במשך דעם זמן די בחורים זענען געזיצן און הנאה געהאט צו הערן איזהו שבחן שלהם, און ווי אזוי מען אנערקענט יעדנ'ס מעלות און יעדנ'ס אברעט צו שטייגען און ווי מען קומט אן מיט דעם ריכטיגען רצון. די דרשה האט זיך פארצויגען פאר א לענגרע צייט, ווי יעדעס ווארט איז גין גאלד, דאן האט אויפגעטרעטן מיט דברי תורה איינער פון די מצוייני הישיבה הבחור החשוב חו"ב טובא כמר יעקב יהודא הכהן פערל ני"ו, וואס די מגי"ש און בחורים האבן צוגעהערט בנועם זיו.

**בני היכלא דכסיפין**

די קלימאקס פון דעם שבת איז געווען דער מעמד השלש סעודות ווי די בחורים האבן געזינגען אינאיינעם די זמירות און נאך פיל ניגוני התעוררות, און דער נאך האט אויפגעטרעטן הרה"צ דער ראש הישיבה שליט"א מיט דברי כיבושין והתעוררות משלב געווען די סדרה פון פרשת בכורים מיט די פרשת עמלק, ארויס ברעגענדיג אז מען דארף מלחמה האלטען מיט'ן ראשית גוים עמלק, וועגען דעם האט דער אייבערשטער געוואלט אז דעם ראשיתו פון די בכורים זאל מען ארויף ברעגען אויף ירושלים אויף א שבח והודאה להשם יתברך, און אזוי ווייטער איז דער ראש ישיבה שליט"א געגאנגען ארויס ברענגעדיג דעם ראשית חכמה יראת ה', אביסל אריינצוטראכטן ווי מען האלט אויף די וועלט וואס גייט זיין דערפאלן פון יעדן בחור אויף ווייטער א שטארקע ערנסקייט האט געהערשט ביי די בחורים ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אביסל די שווערigקייטן און נסיונות וואס די היינטיגע בחורים האבן און ווי אזוי אלע בחורים ווילען זיין גוט נאר דער שאור שבעיסה איז מבלבל הכל, דער ראש ישיבה שליט"א האט געמאנט פון די בחורים זיך צו מאכן א חשבון הנפש וואס דער בחור האלט אז ער קען יא דורכפירן, און אויף דעם זאל מען פרובירן צו ארבעטן אבער מיט מסי"נ מען דארף וויסן אויף עפעס מיז איך זיין בעה"ב, און קודם אנהייבן מיט קלייניקייטן און דאן פרובירן צו גיין מער און מער, און זיך אליינס האלטן אין איין מחזק זיין אז איך טויג אויף עפעס, און איך קען ארבעטן אויף מיר אויף עפעס און אזוי צו שטייגען מעלה מעלה, צום שלוס האט האט דער ראש ישיבה שליט"א צו געברעגט דעם מורא'דיגע לשונות פונעם זוה"ק ווי ער רעדט ארום פון די גאולה שלימה, און אזוי ווייטער מחזק געווען די בחורים און אלע פארזאמעלטע,

די פייערדיגע ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן מיט גרויס התעוררות האבן אנגעווארעמט די בחורים און שטארק מחזק געווען אויף ווייטער.

**עבידנא יומא טבא לרבנן**

דאן איז פארגעקומען די סעודות מלוה למלכה, ווי עס איז אפגעראכטן געווארן, דער סיום המסכתא וואס מען האט געלערנט און אפלערנדיגט דעם זמן אין ישיבה, און מען האט געהערט שיינע חרוזים פון איינער פון די תלמידי הישיבה און א וויכטיגע דרשה לסיום הזמן איז געהערט געווארן דורך דעם חשובען מנהל רוחני הרה"ג ר' משה ציג שליט"א, איזהו דר ישכון אור, מצליח צו זיין צו שטייגען דעם בין הזמנים בכל העניינים און זיין פאסיג צוריק צוקומען דעם קומענדיגען זמן בין כותלי הישיבה.

**דער בין הזמנים פראגראם**

דער קשר אמיץ וחזק צווישן די בחורים און די ישיבה האלט אן אפי' ווען די ישיבה איז פארמאכט במשך ימי הבין הזמנים, די בחורים רופן כסדר אן די מגי"ש ומשפיעים און מען איז בקשר אויפן טעלעפאן, אזוי אויך איז דא א ספעציעלער טעלעפאן, ווי די בחורים קענען הערן כסדר נייע שיעורים און שמועסן הלכות חג בחג און דברי מוסר והדרכה סיפורי צדיקים , וכו', דורך דעם ראש הישיבה שליט"א און די חשובע מגי"ש און משפיעים, אזוי אז מען זעהט אז דער אויר הישיבה זאל בלייבן אויף די בחורים און זיי כסדר באגלייטען.

**וזאת התורה לא תהא מוחלפת**

דער שטארקע הצלחה'דיגער וועג, וואס איז באוואונדערט געווארן פון אלעמאל, דורך די גדולי הרבנים וראשי הישיבות שליט"א, וואס זענען נאנט מיט די ישיבה מיום היוסדה, האט זיך ב"ה ארויס געשטעלט פאר א געוואלדיגע הצלחה, און אלץ גאר אנגענומענער וועג און היינט פינף יאר נאכן התייסדות פון די ישיבה האבן מיר שוין תלמידים הגונים וואס כל רואיהם יכירום כי זרע ברכת ה' המה און זיי זענען בכלל נישט דאס וואס זיי זענען געווען בעפאר.

און באזונדער זעהט מען מיט פרייד וואו אזוי עס איז מקויים געווארן דער קנאת סופרים מרבה חכמה און א שיינע צאל ישיבות זענען געריגדעט געווארן פראבירענדיג נאכגיין אויף דעם מהלך פון תורת אמת ראדאשיץ און תהלה לקל אז מיר האבן א חלק אויפצוטוהען פאר בחורי ישראל און העלעפן אויפציעהן א לגיון של מלך לה' ולתורתו.

יעצט לקראת ימי השנה החדשה, איז דער ראש הישיבה שליט"א מיט א געציילטע צאל בחורים און די הנהלת הישיבה געפארן זיך מסתופף זייין אויף דעם יו"ט ראש השנה, בצילא דמהימנותא פון דעם זקן צדיקי דורינו הרה"ק מטאהש שליט"א וואס די ישיבה האט די געוואלדיגע זכי' אז דער רבי שליט"א איז דער מייסד הישיבה, און נאך יו"ט לאחר עבודת הקודש בהתאמצות יתירה האט דער רבי שליט"א ספעציעל אויפגענומען די תלמידי הישיבה און תלמידו החביב הרה"צ דער ראש הישיבה שליט"א מיט א זעלטענעם קירבות ותחי רוח צדיק צו הערן די געוואלדיגע גוטע גריסן פון -"מיין ישיבה" -כלשונו הקדוש, און זיי ארויסגעוויזן חביבות יתירה כדרכו בקודש און געטיילט האניג פאר יעדן תלמיד און געוואונטשען פאר די הנהלת הישיבה אלע ברכות און הצלחה לקראת הזמן החדש הבעל"ט ויהי רצון שברכת צדיק יעלה במלכינו על ראשינו.

















בס"ד

# ושמת שמו אברה"ם ומצאת את לבבו נאמן לפניך

**א**רשת שפתינו יערב לפניך ידידינו וידיד נפש כל חי
**ב**ר אוריין ובר אבוהון ריכא ובר ריכא זיכה רבים וזכה
**ר**אש וראשון מאז להעמיד לגיון של מלך לה' ולתורתו
**ה**וצק חן בשפתותיו, בצדק נאה מקיים ונאה דורש
**מ**ושלם בכל מעלה ומדה נכונה, דבוק ברבותיו בקשר אמיץ בל יזע

**ה"ה כבוד הרבני הנגיד והנכבד המפואר, פאר מקדושים יפה פרי תואר,**

**מוה"ר ר' אברהם יהושע פריינד הי"ו**

**אב"י בעיר עוז לנו קרית יואל יצ"ו**

## חבר הנהלת הישיבה

הוא הגבר אשר השליך נפשו מנגד לעמוד ולסייע לטובת הישיבה הקדושה
בכל עת ועונה, לסייע להעמיד בחורי חמד אילנות יקרים בכרם בית ה'
ולהציל מזרם וממטר ורוח

**י**אה לו ואשרי חלק ובזה ובבא, ובשם כל התלמידים נברך בברכת התורה לך
**ש**זאת הברכה כל הברכות האמורות בתורה לא תהא מוחלפת ממנו לנצח
**ר**און לקיים בו דברי הזוה"ק שאין שום מרעין בישין שולטין בו

המבורכים מעמוק הלב פנימה, אסירי התודה מימים ימימה

*תלמידי הישיבה*

**גם אנו נברכו למען שמו באהבה בשם כל צוות הישיבה**

*יחזקאל יהודה סג"ל גליקמאן*
**ראש הישיבה**

**שמחת בית השואבה**

ווען דער ביהמ"ק איז געשטאנען איז די צווייטע נאכט פון יום טוב סוכות, געווען א געוואלדיגע שמחה אין ביהמ"ק. דעמאלטס האט מען מקיים געווען די מצוה פון "ניסוך המים" {גיסן וואסער אויף די מזבח [עיין גמרא סוכה פרק החליל], מיט דעם האט מען איבער געבעטן די וואסער וואס זענען דערווייטערט געווארן פון השי"ת ביי בריאת העולם, און נישט געגאנגען העכערן הימל אויבן, נאר דא אין ים אונטען.

מען האט גענומען וואסער און געגאסן פאר השי"ת אויפן מזבח, די גמרא זאגט "ווער עס האט נישט געזעהן די שמחה אין בית המקדש האט נאך נישט געזעהן קיין ריכטיגע שמחה אין זיין לעבן..." אלץ זכר צודעם קומט מען זיך צוזאמען, און מ'פריידט זיך "שמחת בית השואבה".

וואס איז דער טעם פון אונזער שמחה היינטעגע צייטן ווען מיר זענען אין גלות, אז מיר האבן שוין נישט קיין בית המקדש, נישט קיין מזבח, און נישט קיין ניסוך המים?

זאגט דער הייליגער דברי חיים אז אונזער שמחה איז אז השי"ת האט אונז מוחל געווען אלע עבירות און מיר זענען באפרייט געווארן פונעם יצר הרע, דעריבער מאכן מיר א שמחה אזוי ווי א "סעודת הודאה", ווי איינער וואס איז באפרייט געווארן פון תפיסה.

# הילולא דצדיקיא

## של הרה"ק רבי מרדכי בן רחל ובן הרה"ק רבי ישכר בער זי"ע מנדבורנא

רבי מרדכי פון נדבורנא זי"ע האט אמאל באקומען פאר יום כיפור אן אתרוג פיל מיט שטארקע פלעקען. ער האט דאס אריין געלייגט אין דעם ארון הקודש, און געזאגט אויף זיך: "אויב מרדכי וועט גוט תשובה טון, דאן וועלן אלע פלעקען אוועק גיין און ס'וועט ווערן א שיינער אתרוג". נאך יום כיפור האט ער צוריק ארויס גענומען דעם אתרוג, און אלע האבן מיט וואונדער אנגעקוקט א זויבערע און שיינע אתרוג!

אין די צייטען פון דעם צדיק ר' מרדכי פון נדבורנא זי"ע, האט געוואוינט אין זיין שטאט א הויפט - שופט וועלכער איז געווען א גרויסע פארביסענע שונא ישראל. ער האט געטראכט בייטאג און ביינאכט ווי אזוי אנצוטוהן צרות פאר די יודן פון שטאט.

אמאל האט פאסירט אז אין נדבורנא האט אויסגעבראכן א שווערע מגיפה, און פיל מענטשן זענען קראנק געווארן אין א אנשטעקיגע קראנקהייט. די דאקטוירים האבן געווארנט די גאנצע שטאט אז זיי זאלן מער אוֹיפְּפַאסֶען אויף די ריינקייט פון זייערע הייזער און הויפען, ווייל די שמוץ איז איינע פון די הויפט זאכן וועלכע האבן צוגעברענגט די קרענק.

דער שופט האט ארום געשיקט ספעציעלע שטרענגע פאליציי, זיי זאלן נאכקוקען אין אלע גאסן פון נדבורנא און אין די הייזער מיט די הויפען און גערטנער, צו די מענטשן האלטן איין די ריינקייט אזוי ווי עס דארף צו זיין. און אויב נישט, וועלן זיי שטארק באשטראפט ווערן די שטרענגע באפעהל איז ארויסגעגעבן געווארן צווישן ראש השנה און יום כיפור. און דאס האט אויפגעוועקט ביי די יודן גרויס זארג, ווייל לויט דעם באפעהל וואלטן זיי נישט געמעגט אויפשטעלן קיין סוכות און זייערע הויפען. לויט דעם מיינונג פון דעם שופט, קען דאס צוברענגן צו שמוץ.

זיי האבן אבער געהאפט און מתפלל געווען צום באשעפער, אז ער זאל שיקען א רפואה שלימה און די קראנקהייט זאל שנעל אוועק גיין, און זיי זאלן קענען אויפשטעלן סוכות לויט דעם דין.

באלד מוצאי יום כיפור האט דער צדיק ר' מרדכי זי"ע אנגעהויבן צו בויען זיין סוכה אין זיין הויף. ער האט זיך איבערהויפט נישט גערעכענט מיט דעם שטרענגן "איסור".

ווען דער שופט איז געוואויר געווארן אז דער אידישער רב האט אויפגעבויט א סוכה אין זיין הויף איז ער געווארן אנגעפויהלט מיט צארן, און געשיקט א שליח מעלדן אז דער רבי זאל געשווינד צוזאמען לייגן זיין סוכה וועלכע איז געבויט געווארן קעגן דעם געזעץ.

דער רבי האט זיך אבער נישט וויסענדיג געמאכט פון דעם שליחות, און ווייטער צוגעגרייט די סוכה. ווען דער שופט האט דאס געהערט, האט ער באשלאסען אז ער אליין וועט אריבער גיין און צוברעכן די סוכה, פאר דעם רבי'נס פנים.

ווען דער שופט איז אריין געקומען אין די סוכה, האט ער געטראפן דעם צדיק שטיין אין די סוכה אויסלייגען דעם סכך. ער הייבט אן צו שרייען מיט קאכעניש:

"איהר זאלט שוין די מינוט צונעמען דעם סוכה, און אויב נישט וועל איך דאס אליין צוברעכן אויף שטיקער!!!.

דער צדיק ענטפערט אים צוריק רוהיג מיט א שמייכל: "איך האב אויפגעשטעלט די סוכה אז דאס זאל בלייבן שטיין, און נישט אויף צו צוברעכן". דער שופט לאזט זיך צו און וויל אנהייבן צו צוברעכן, און דער צדיק רופט זיך אן צו אים אויפן קול: "דו זאלסט וויסן אז דער הייליגער צדיק רבי מאיר פרעמישלאנער זי"ע איז געווען מיין עלטער פעטער!!.

דער שופט שפרינגט אויף מיט כעס און שרייט צוריק: "וואס אינטערעסירט מיר דען ווער דיין עלטער פעטער איז געווען, איך וויל נישט דא זען קיין סוכה!, דאן האט זיך דער רבי אוועק געשטעלט נעבן דעם שופט און אים אריין געקוקט אין די אויגן, און זיך אנגערופען: "הער מיך ביטע צו עטליכע מינוט צו א מעשה וואס וועט דיך אינטערעסירן". - און דער רבי הייבט אן צו דערצעהלן:

"אין א קליין שטעטל נישט ווייט פון פרעמישלאן האט געוואוינט א פריץ וועלכער האט געהאט 10 זוהן, אלע הויכע, געזונטע און שטארקע. ער האט געוואוינט אין א גרויסן פאלאץ ארום גענומען מיט א שיינעם גארטען איינגעפלאנצט מיט פרוכט ביימער.

איינמאל איז דער פריץ צוריק געקומען פון א רייזע פון א ווייטע לאנד, און ער האט מיטגעברענגט מיט זיך א גאנצע בינטל מיט זייער שיינע און טייערע בלומען.

ער האט געוואלט איינפלאנצען די בלומען ביי זיך אין גארטען. דערפאר האט ער אבער געמוזט אויסרייסען אסאך פרוכט ביימער, און אויף זייער ארט איינפלאנצען די שיינע בלומען. דער פריץ האט געהאט גרויס פארגעניגן, ווייל די בלומען האבן פארשפרייט א געשמאקן ריח אין די גאנצע געגענט. און אויך אלע מענטשן האבן באוואונדערט די הערליך שיינע בלומען, וואס מ'זעט נישט אין גאנצן לאנד.

נאך א קורצע צייט איז דעם פריץ'ס עלטסטער זוהן קראנק געווארן אויף א שווערע קרענק, און אין געציילטע טעג איז ער געשטארבן. און נאך אים איז דער צווייטער זוהן קראנק געווארן, און ער איז געשטארבן. אזוי, ניין זוהן איינער נאך דעם צווייטן זענען אויסגעשטארבן. דער פריץ האט געלאזט רופען די בעסטע דאקטוירים פון לאנד, אבער קיינער האט נישט געקענט ערקלערן די באדייט פון זייער קרענק און ווי אזוי מ'קען דאס אויסהיילען.

ווען זיין צענטער זוהן איז קראנק געווארן, איז ער געווארן שטארק טרויעריג, ווייל ער האט געוואוסט וואס עס וועט פאסירן. האט איינער פון זיינע גוטע פריינד אים געגעבן אן עצה: אז עס געפונט זיך א אידישער רב אין דעם נאהנטן שטעטל פרעמישלאן, וואס ער קען באווייזן גרויסע מופתים. אפשר וועט דער צדיק אים קענען העלפן.

דער פריץ איז אבער געווען א גרויסער שונא ישראל, און ער האט נישט געקענט אריין נעמען אין געדאנק אז ער וועט גיין צו א אידישער רב. אבער נאך דעם וואס זיין גוטער פריינד האט אים שטארק צוגערעדט צו דעם, און דער מצב פון זיין צענטן זוהן איז נאר ערגער געווארן, האט ער באשלאסן אז ער וועט פאהרן קיין פרעמישלאן צום צדיק בעטן א ברכה. אריין קומענדיג צו מיין עלטער פעטער ר' מאיר פרעמישלאנער זי"ע, האט זיך דער פריץ צעוויינט און אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ אויף אלעס וואס איז געשען מיט אים, און אז זיין יונגסטע זוהן גייט שוין אויך באלד שטארבן.

רבי מאיר האט אים אויסגעהערט, און זיך אנגערופען צום פריץ: "דו זאלסט וויסען אז דיינע צרות זענען געקומען אויף דיר, ווייל ווען דו האסט איינגעפלאנצט אין דיין גארטען די שיינע בלומען, האסטו אויסגעריסן פון דארט גוטע פרוכט-ביימער. מיט דעם ביזטו באגאנגען זייער א געפערליכע זאך. ווייל עס שטייט אין פסוק: "כי האדם עץ השדה" - ווייל דער מענטש איז צוגעגליכן צו א בוים, און ווען מען רייסט ארויס א בוים, איז אזוי ווי מען רייסט ארויס א מענטש. און וויבאלד דו האסט אויסגעריסן ביימער פון דעם באשעפער, האט דער באשעפער אויסגעריסן דיינע ביימער - דאס זענען דיינע קינדער. יעצט, אז דו וועסט מיר צוזאגען אז דו וועסט מער נישט טון אזא געפערליכע זאך, וועט דיין יונגסטע זוהן געזונט ווערן!!.

דער פריץ האט מיט טרערן אין די אויגן צוגעזאגט, און ווען ער איז צוריק אהיים געקומען, איז מען אים אקעגן געקומען מיט א בשורה טובה, אז זיין יונגסטע זוהן באווייזט צייכענס אז זיין קראנקהייט ענדיגט זיך, און ביז א קורצע צייט איז ער אינגאנצן געזונט געווארן.

"יעצט" - האט ר' מרדכי נדבורנאער זי"ע געענדיגט זיינע ווערטער - "וויל איך דיר זאגן, אז יענער צענטער יונגל וואס איז אויסגעהיילט געווארן דורך מיין עלטער פעטער, איז נישט קיין אנדערער ווי די אליין. און פאר די גרויסע טובה וואס ער האט דיר געטון, באצאלסטו צוריק מיט שלעכטס!?

ווען דער שופט האט געהערט די רייד פון דעם צדיק, איז ער באלד געפאלען אויף זיינע פיס און אים געבעטן ער זאל אים מוחל זיין אויף דעם ווייטאג מיט'ן סטראשענען.

רבי מרדכי זי"ע האט געענטפערט דעם שופט, אז נאר מיט דעם באדינג איז ער אים מוחל פאר די שטרענגע רייד, אויב ער וועט אים צוזאגן אז ער וועט מער קיינמאל נישט ארויס ווייזען קיין שלעכטס פאר אידישע קינדער, און זיך אויף פירן צו זיי אזוי ווי צו א ברודער.

דער שופט האט זיך דאס אונטערגענומען מיט זיין גאנצן הארץ, און יענעם יום טוב סוכות, האבן די יודן אין נדבורנא אנגעפיהרט מיט גרויס שמחה, און קיינער האט זיי נישט געשטערט מקיים צו זיין די מצות פון באשעפער.

*זי"ע ועל כל ישראל, אמן.*

כ"ה תשרי

# הילולא דצדיקיא

## של הרה"ק רבי משה סופר זי"ע בעמ"ה ספר "חתם סופר"

**אַ כהן זוכט אַ היתר**

דער "חתם-סופר" זצ"ל (רבי משה סופר, דער רב פון פרעשבורג) דערציילט אין זיינע שאלות-ותשובות דעם פאָלגענדן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן "מיט עטלעכע יאָר צוריק" (שאלות ותשובות "חתם סופר", חלק אבן-העזר, חלק ב', סימן קע"ד):

אין איטאַליע האָט געוואוינט אַ רייכע פרוי וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַ געוויסן טיפּ (אַפּנים אַז ער איז געווען אַן עכטער שלימזל), אויף וועמען די חז"ל זאָגן אין מסכת כתובות (דף ע"ז), אַז מ'קען אים צווינגען צו געבן זיין פרוי אַ גט. למשל, אַ מאַן וועלכער טראָגט זיך שטענדיק אַרום מיט אַ שלעכטן ריח, אָדער אַ מאַן וועלכער אַנטזאָגט זיך צו שפּייזן זיין פרוי, קען אים בית דין צווינגען אָפּצוגט'ן זיין פרוי.

הכלל, די גבירטע האָט באַקומען פון איר מאַן אַ גט און האָט זיך פאַרליבט אין אַ צווייטן מענטש, גראַדע אַ כהן.

אַלע איטאַליענישע רבנים האָבן אים גע'אסר'ט צו הייראַטן מיט איר, ווייל אַ כהן טאָר דאָך נישט חתונה האָבן מיט אַ גרושה. אָבער דער חברה-מאַן, דער "בליעל ההוא" (אין דער אויסשפּראַך פונעם "חתם סופר", דאָס הייסט, דער דאָזיקער נידריקער יונג) האָט זיך איינגע'עקשנ'ט און האָט אָנגעהויבן באַזוכן פּראָמינענטע מיניסטאָרן פון לאַנד, אַז זיי זאָלן אים געבן אַ "היתר" חתונה צו האָבן מיט איר. נעמלעך, זיי זאָלן צווינגען די רבנים צוריקצוציען זייער איסור. דער כהן האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ. האָט ער זיך געכאַפּט אויף דער פאָלגנדער המצאה, וועלכע ער האָט פּרעזענטירט צו גרויסע גויאישע מלומדים און מיניסטאָרן אין לאַנד.

דער כהן האָט אַזוי געזאָגט: פאַרוואָס האָט די תורה בכלל גע'אסר'ט אַ כהן צו הייראַטן אַ גרושה? ווייל אַ כהן פאַרמאָגט אַ ספּעציעלע געטלעכע הייליקייט, און דעריבער פּאַסט עס נישט אַז ער זאָל זיך מזווג זיין מיט אַ מאָראַליש-אַראָפּגעפאַלענער פרוי וועלכע איז אַרויסגעטריבן געוואָרן דורך איר מאַן.

אָבער במה דברים אמורים אַז דער איסור איז גילטיק? בשעת דער מאַן האָט גע'גט די פרוי צוליב דעם וואָס זי האָט זיך אויפגעפירט אויף נישט קיין געהעריקן אופן; אָבער אין דעם פאַל - האָט דער כהן גע'טענה'ט - האָט זי דאָך אים מגרש געווען, נישט ער האָט איר מגרש געווען! איז עס דאָך שוין נישט קיין בזיון פאַר אַ כהן חתונה צו האָבן מיט אַזאַ מין פרוי.

איי, אין ש"ס און אין די פוסקים ווערט גע'פסק'נט אַז אַ כהן טאָר נישט חתונה האָבן מיט קיין שום גרושה, אַפילו נישט מיט אַזאַ מין גרושה וועלכע האָט מגרש געווען איר מאַן? האָט דער איטאַליענישער כהן גע'טענה'ט, אַז דאָס איז אַ נאַרישע דערפינדונג פון די רבנים און די חכמים, און עס האָט נישט קיין שום יסוד אין דער אָריגינעלער "ביבל" - אין תורה שבכתב.

די דאָזיקע לאָגישע טענה פון דעם כהן איז אָנגעקומען ביז צו די העכסטע מלוכה-ראַנגען אין ווין.

אַגב, אַזוי איז דאָס לשון געדרוקט אין שאלות ותשובות חתם סופר. איך ווייס נישט גענוי, אָבער אפשר דאַרף שטיין "וויניציע" (איטאַליע), אָנשטאָט "ווין".

די גויאישע מלומדים און מלוכה-לייט האָבן אויסגעהערט דעם כהנ'ס טענה, און זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז אַפילו פון אַ רעליגיעז-אידישן שטאַנדפּונקט פאַרמאָגט דער דאָזיגער כהן די פולע רעכט חתונה צו האָבן מיט דער רייכער גרושה. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מ'גייט איבערגעבן דעם פּסק-דין צום קעניג, אַז ער זאָל זיך אונטערשרייבן דערויף, און אַז דער מלך וועט גוטהייסן דעם דאָזיגן פּסק, וועלן די רבנים זיין געצוואונגען דורכצופירן די חתונה צווישן דעם כהן מיט דער גרושה.

ווען דער קעניג האָט געזען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער געזאָגט, אַז מ'קען נישט אַרויסגעבן אַזאַ מין פּסק-דין ביז מ'באַקומט נישט די מיינונג פון אַ אידישן געלערנטן וועלכער איז נישט קיין רב, און איז ממילא אָביעקטיוו. "אפשר וואָלט אַ אידישער געלערנטער געהאַט אַ לאָגישן אָפּשלאָג אויף דעם כהנ'ס סברא", האָט דער קעניג געזאָגט.

דערציילט דער חתם סופר, אַז "ג-ט האָט דעמאָלט געבראַכט קיין ווין איינעם פון די מאָדערנע אידישע חכמים, וועלכער איז געווען אַ פילאָזאָף. ער איז שוין געשטאָרבן", שרייבט דער חתם סופר, "און הלוואי זאָל זיין טויט מכפר זיין אויף אַלע זיינע עבירות". אָבער דער דאָזיגער מענטש וועט אַלעמאָל בלייבן "זכור לטוב" צוליב דער פאָלגנדער געשעעניש. ווען ער האָט געהערט די סברא פון דעם כהן פאַרוואָס מ'קען אים מתיר זיין צו הייראַטן די גרושה, האָט דער מאָדערנער אידישער פילאָזאָף אַזוי רעאַגירט:

- אויב מיר ווילן זיך רעכענען בלויז מיטן "ביבל", מיט דער תורה שבכתב און נישט מיט די דערפינדונגען פון די חכמי ישראל, דאַרפן מיר קלאָר וויסן, אַז דער גט וואָס זי האָט באַקומען פון איר ערשטן מאַן איז נישט גילטיק. פאַרוואָס? ווייל פונעם שטאַנדפּונקט פון תורה-שבכתב קען אַ מאַן שענקען זיין פרוי אַ גט בלויז אויב דער מאַן וויל נישט לעבן מיט איר. אָבער אויב זי וויל נישט לעבן מיט איר מאַן, אַפילו אויב זי האָט גוטע אורזאַכן דערפאַר, געפינען מיר נישט קיין איין-און-איינציקן פּסוק אין דער תורה וועלכער זאָל זאָגן אַז מ'קען אים צווינגען צו געבן איר אַ גט.

קומט דאָך אויס, אַז דער איינציקער יסוד אויף דעם וואָס מ'האָט געצוואונגען איר ערשטן מאַן צו שענקען זיין פרוי אַ גט, איז געווען אַ "דערפינדונג" פון די חכמי ישראל, וועלכע האָבן גע'פסק'נט אַז עס זיינען דאָ געוויסע פאַלן אין וועלכע די פרוי קען גט'ן איר מאַן.

איז ממה נפשך, האָט דער חכם געטענה'ט צו דעם קעניג. "אויב די דאָזיקע פרוי און דער כהן נעמען-אָן די אויטאָריטעט פון די חכמי ישראל, האָבן דאָך די זעלבע חכמים גע'פסק'נט אַז אַ כהן טאָר נישט חתונה האָבן מיט קיין שום גרושה. און אויב זיי נעמען נישט אָן די סמכות פון די חז"ל, דעמאָלט איז איר אָריגינעלער גט נישט געווען גילטיק און זי דאַרף צוריקגיין צום ערשטן מאַן".

דערציילט דער "חתם סופר", אַז דעם קיסר מיט די מיניסטאָרן איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די לאָגיק פון דעם אידישן משכיל, און דער כהן האָט בפועל נישט חתונה געהאַט מיט דער גרושה.

אַגב, אין דעם באַוואוסטן ווערק "פרדס יוסף" פון רבי יוסף פּאַצאַנאָווסקי ז"ל, ציטירט ער די דאָזיקע מעשה אין פרשת אמור. אָבער ער שרייבט אַז דער אָפּפרעג אויף דעם כהנ'ס סברא איז געגעבן געוואָרן דורך דעם "חתם סופר" אַליין, אָבער אין דער תשובה פון דעם "חתם סופר" איז קלאָר, אַז אַ משכיל האָט געגעבן דעם ענטפער.

בכל אופן, אַ שאַרפער און אַ געשמאַקער כאַפּ איז עס.

࿇ ❖ ࿇

איינמאל אין אן ערב שבת פארנאכט איז דער הייליגער חתם סופר זי"ע געגאנגען דאווענען מנחה אין דער באגלייטונג פון איינעם פון זיינע נאנטע שטוב מענטשען מיט'ן נאמען יעקב לעהרער וועלכער איז דעמאלט געווען זיין משמש.

אויפ'ן וועג ארויס ווען ער איז צוגעגאנגען צו די טיר קושען די מזוזה איז דער חתם סופר געבליבן אזוי שטיין א שטיקעל צייט מיט די הענט אויף די מזוזה.

נאך אפאר מינוט איז ער צוריק אריין צו זיך אין שטוב געעפענט דאס שיפלעדל וואו ער פלעגט האלטען זיין געלט און ארויס גענומען עלף גילדן ער האט עס איבערגעגעבן זיין משמש און אים געזאגט "לויף שנעלער צו יענעם בחור און גיב אים דאס געלט, אבער זאלסט אים נישט זאגן ווער עס האט עס געשיקט, דערנאך קום גלייך צוריק" דער שמש האט געטוהן אלעס מיט גרויס שנעלקייט ער האט איבערגעגבען דאס געלט יענעם בחור נישט געזאגט ווער ס'האט עס געשיקט און איז תיכף צוריקגעלאפען צום חתם סופר נאך שבת איז דער בחור צוגעקומען אין אים געפרעגט "ווער האט אייך געגעבען דאס געלט איר זאלט מיר דאס געבן? האט דער שמש אים געענטפערט איך טאר דאס נישט דערציילן"

האט דער בחור געזאגט "איר זאלט וויסן אז דער וואס האט מיט אייך געשיקט די עלף גילדן איז א בעל מופת און א בעל רוח הקודש און האט אנגעהויבען דערציילן די מעשה ווי פאלגענד:

איך בין אן ארעמער בחור וועלכער איז געקומען לערנען דא אין ישיבה איך שטיי איין ביי אן אכסניא וואו איך באצאל דירה געלט, אויסער דעם האב איך נאך הוצאות פון וואשן די וועש און ענליכע זאכען במשך די צייט האט זיך אנגזאמעלט א שטיקעל חוב און ווען די בעלת אכסניא פלעגט קומען מאנען דאס געלט האב איך איר אפגעשטיפט מיט תירוצים אז עס דארף מיר אנקועמן געלט און דעמאלס וועל איך איר באצאלן, זי האט מיר שטענדיג געגלויבט ביז ס'האט זיך אנגעזאמעלט א סומע פון עלף גולדן האט זי געזאגט אז זי וויל שוין מער נישט ווארטן.

דעם פארגאנגענעם פרייטאג ווען זי האט געדארפט איינקויפען אויף שבת און זי האט נישט געהאט מיט וואס איז זי געווארן זייער שטארק אויפגערעגט אויף מיר און מיר געזגט "נעם דיר דיינע זאכן און גיי שוין ארויס פון דא מער קען איך דיר נישט האלטן זי האט תיכף מקיים פסק געווען גענומען אלע מיינע זאכען און מיר ארויסגעווארפן אויף די גאס.

איך בין געבליבען שטיין אויף די גאס נישט וויסענדיג וואס צו טוהן עס איז שוין פרייטאג פארנאכט און אלע מיינע זאכען ליגען הפקר אויף די גאס וואו זאל איך זיך ווענדן האב איך אנגעהויבען צו וויינען און מתפלל זיין צו השי"ת, אזוי שטייענדיג ביסט דו צוגעקומען און איבערגעגבען די 11 גילדן און תיכף אנטלאפען, איך האב גענומען דאס געלט און איר תיכף באצאלט און מיט גרויס שמחה האב איך מקבל שבת געווען און געדאנקט דעם אויבערשטען אויפ'ן נס וואס ער האט מיט מיר געטוהן.

{די מעשה ווערט געברענגט און א מכתב לספר "זכרון למשה" פון הגאון מו"ה מנחם מענדל מרגליות ז"ל אב"ד דק"ק הארינטש וואס האט עס אליין געהערט פונעם בעל המעשה הרה"ג ר' יעקב לעהרער ז"ל אין יאר תרנ"ו ווען ער איז ביי אים איינגעשטאנען}

# הילולא דצדיקיא

## של סניגורן של ישראל הה"ק רבי לוי יצחק בן שרה סאשע ובן ר' מאיר מבארדיטשוב זי"ע

אמר פעם אחת בראש השנה: רבש"ע למה לא תתנהג עמנו לכל הפחות כהתנהגות יהודי פשוט, יהודי פשוט אם יראה שתפילין שלו יפלו לארץ, אזי תיכף יגביהם וינשקם, ועמך ישראל המה תפילין שלך, שאתה מתפאר בהם, וכתיב בהם מי כעמך ישראל גוני אחד בארץ, והם נפלו לארץ מאיגרא רמא לבירא עמיקתא, וזה קרוב לאלפים שנה, ולמה לא תגביהם ותרום קרנם?

❧ ❖ ❧

פ"א בראש השנה קודם תקיעת שופר ראה ברוח קדשו איזהו גזירה של קיפוח הפרנסות מישראל, פתח ואמר בדרשתו: רבש"ע ארשת אותנו, ויסוד החיתון היה שאנו מיוחסים זרע אברהם יצחק ויעקב, ומה היה לנו תועלת החיתון מצידך, לא עבור יחוסך, שכלום יש לך אב? אלא בשביל עשירות שיש לך, כמאמר הכתוב לי הכסף ולי הזהב, והבטחת לתת לנו פרנסה בריוח, א"כ תן לנו הכסף והפרנסה בשפע.

❧ ❖ ❧

פ"א נתפס למאסר איש ישראל עבור גניבה, והיה נשקף לו עונש קשה, השתדל הרה"ק להצילו ועלתה בידו, כשנשתחרר אמר לו הרב: ראה כמה בזיונות סבלת את עצמך בחינם, והאיך היית בסכנה, התעשה כה עוד? ומה בכך, השיבו הגנב, אם לא הצלחתי היום אצליח למחר. התרגש הרה"ק ואמר" גם מהגנב הזה נוכל ללמוד דרך העבודה, אם לא הצלחנו היום, נחכה שעכ"פ נצליח מחר, ולא נאבד הבטחון.

❧ ❖ ❧

יסופר שלהרה"ק מבארדיטשוב היה פ"א בראש השנה עליות נשמה, וכשהעיר את עצמו סיפר חזיונו: שעלה לרקיע, וראה מקום המשפט, אולם גדול אשר בו ידונו כלל ישראל, והשטן מתעסק ברוב חילו, הולכים במרוצה ומביאים חבילות חבילות מעבירות שונות, והחבילות נתרבות בכל רגע, ויבט הרב והנה הוא בעצמו עומד למליץ בעד כלל ישראל, וכמעט שאין ביכולתו לעמוד נגד המון מלאכי קטיגורים הנשענים על אשמות חבילי העבירות הנקבצים שם, וירא והנה בימינו פתח לגן עדן, מקום משכן אבות הקדושים והצדיקים, ובצד שמאלו פתחו של גיהנם אשר בוער כתנור סיד, וראה שאין העת לעמוד בחיבוק ידים, ויהי בנתיים כאשר שבו המקטריגים להביא עוד מהחבילות, וחטוף החבילות הנאספו אחת ושתיים עד אשר כלם, ויזרקם לפתח הגיהנם וישרפם בלהט האש הבוער, ויהי כאשר שב השטן עם מחנהו, וירא כי יגע לריק ולשוא היה עמלו, כי סחורתו מבארדיטשוב, שרק הוא היה הגנב הזריז, ויתפשהו בבגדו והוליכו לבית דין של מעלה לדונו, השטן תבע משפט גנב כי ימצא, ישבו לדין. ופסקו כדין של תורה: שלם ישלם ואם אין לו ונמכר בגניבתו, הוגבל למכור את הרב מבארדיטשוב באכרוזי' פומביות, ונעשה בזה רעש גדול בעולם העליון, האבות הקדושים והצדיקים עזבו את מקומם בגן עדן, ובאו לקנות ולפדותו, והשטן שזה רבות בשנים נתן עיניו על הרב מבארדיטשוב הרבה מוהר ומתן, והפקיע השער במכירה הפומבית, וכמה שרצו האבות ליתן הוסיף יותר השטן, מפני שרצה לזכות בהקנין שלו, אז עמד הקב"ה בכבודו ובעצמו, והביא המחיר היותר גדולה ואמר: לי הארץ ומלואה, ואני קונה אותו בהמחיר היותר גדול, וזכה במקחו, מאז נעשה הרב מבארדיטשוב עבדו של הקב"ה, וסיים הרה"ק: זהו כוונת הפייטן: "לקונה עבדיו בדין".

דער יום-טוב סוכות האט זיך דערנעענטערט און קיין אתרוג איז נישט געווען אין גאנץ בארדיטשוב איז נישט געווען אפילו קיין איין איינציקער אתרוג. אזא דוחק אין אתרוגים איז נאך קיינמאל נישט געווען.

דער בארדיטשוב'ער צדיק ר' לוי יצחק האט געהאט פיל צער דערפון. ער האט ארויסגעשיקט שלוחים צו שטיין אויף אלע וועגן, טאמער פארט פארביי א איד מיט אן אתרוג, זאל מען אים בעטן צו פארקויפן, אדער, לכל הפחות, צו פראווען סוכות אין בארדיטשוב און מזכה זיין די גאנצע שטאט מיט דער מצוה פון ד' מינים.

האט זיך טאקע געמאכט, אז א איד איז געפארן אהיים אויף סוכות און האט געפירט מיט זיך א מהודר'דיקן אתרוג מיט א לולב און הדסים און ערבות. די שלוחים האבן אים געפרעגט, אפשר וויל ער פארקויפן דעם אתרוג, וועט מען אים געבן וויפל ער וועט נאר בעטן.

"דעם אתרוג פארקויף איך נישט", האט דער איד געענטפערט.

האבן זיי אים געבעטן, ער זאל לכל-הפחות פארברענגען סוכות אין בארדיטשוב, וועט ער זיין א חשובער גאסט און מזכה זיין די גאנצע קהילה מיט דער מצוה פון ד' מינים.

דער איד האט אבער געענטפערט, אז דאס קען ער אויך נישט טאן: ער איז שוין א צייט נישט געווען אינדערהיים און ער וויל דורכאויס פארברענגען יום-טוב מיט זיין ווייב און קינדער. עס האבן נישט געהאלפן קיינע דינגעגנישן. די שלוחים האבן קוים גע'פועל'ט ביי דעם אידן, אז ער זאל אריינקומען צום בארדיטשובער צדיק, וויבאלד אז ער פארט פארביי.

דער בארדיטשובער צדיק האט געפרואווט פועל'ן ביי דעם אידן ער זאל פארבלייבן אויף יום-טוב. ער האט אים דערקלערט וואספארא גרויס זכות עס וועט זיין פאר אים מזכה צו זיין א גאנצע קהילה מיט דער מצוה פון ד' מינים. אלע רייד זיינען אבער געווען אומזיסט, ביז דער צדיק האט אים צוגעזאגט "עמי במחיצתי", אז דער איד וועט האבן זיין חלק אין גן-עדן צוזאמען מיט אים, דעם בארדיטשובער צדיק. אויף דעם איז שוין דער איד איינגעגנגען און האט מסכים געווען צו פארבלייבן אויף יום-טוב און לאזן די גאנצע קהילה בענטשן מיט אים אויף דעם אתרוג.

מען האט דעם אידן באזארגט מיט שיינער אכסניא, און די נייעס אז עס וועט זיין אן אתרוג אויף יום-טוב איז בליץ-שנעל פאר שפרייט געווארן. עס איז געווארן א גרויסע שמחה אין שטעטל.

די ערשטע נאכט יום-טוב, נאך מעריב, ווען דער איד האט געוואלט אריינגיין אין דער סוכה פון דעם בעל אכסניא צו מאכן קידוש און מקיים זיין די מצוה פון לישב בסוכה, האט מען אים נישט אריינגעלאזט. עס האבן נישט געהאלפן קיינע טענות; כאטש גיי און מאך קידוש אין שטוב. אבער וועלכער איד וועט עס נישט מאכן קידוש און עסן א כזית אין סוכה, און נאך די ערשטע נאכט פון סוכות דערצו?

בלית-ברירה איז דער איד געגאנגען צו א שכן. ער האט פאר אים געוואלט אויסגיסן זיין ביטער הארץ אויף דעם בעל אכסניא, און בעטן אים, ער זאל אים דערלויבן צו מאכן קידוש און עסן א כזית ברויט אין זיין סוכה אבער אויך דער שכן האט אים נישט געוואלט אריינלאזן אין סוכה אזוי איז אויך געווען מיט א צווייטן און א דריטן.

א צעטומלטער און פארצווייפלטער איז דער איד געלאפן צום צדיק ר' לוי יצחק. ער האט שוין פארשטאנען, אז מסתם האט דער צדיק אנגעזאגט אין שטאט, אז מען זאל אים נישט אריינלאזן אין א סוכה.

מיט טרערן איז די אויגן האט זיך דער איד באקלאגט, וואס מ'לאזט אים נישט אריין אין א סוכה; דאס איז דאך אן אומדערהערטע עוולה! "אט אזוי באצאלט מען דאס פאר א טובה? איך בין געבליבן דא וואלגערן זיך יום-טוב אין דער פרעמד, כדי צו מזכה זיין די שטאט מיט אן אתרוג, און צום סוף לאזט מען מיר נישט מקיים זיין די מצוה פון לישב בסוכה".

דער בארדיטשובער צדיק האט דעם אידן געפרואווט באַרואיגן : "איר ווייסט דאך, ר' איד, אז אויב עס איז נישט דא קיין אתרוג בענטשט מען נישט און אויב עס איז נישט דא קיין סוכה איז מען דאך אן אנוס, און פטור..." "דער רבי שפאסט מסתמא! וואס הייסט נישט דא קיין סוכה? ס'זיינען דא א סאך סוכות, נאר מען לאזט מיך נישט אריין! איך וואלט אלץ אוועקגעגעבן, אבי מ'זאל מיך אריינלאזן מקיים צו זיין די מצוה פון לישב בסוכה"!

"אויב איר וועט מיר מוחל זיין די הבטחה וואס איך האב אייך געגעבן - "עמי במתיצתי" וועל איך שוין זען, אז מ'זאל אייך אריינלאזן אין א סוכה", האט דער צדיק געזאגט! דער דאזיגער תנאי האט דעם אידן נאך מער צעטומלט. עס האט זיך ביי אים אין געדאנק אנגעהויבן א גרויסע וואקלעניש, דער נסיון איז געווען א גרויסער זאל ער פארציכטן אויף אזא הבטחה צוליב דער מצוה פון סוכה, אדער דאס איז א צו גרויסער פרייז צו באצאלן פאר א מצוה?

נאך א לאנגער איבערטראכטעניש, האט דער איד באשלאסן מוחל צו זיין די הבטחה, אבי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון לישב בסוכה "רבי, איך בין מוחל די הבטחה !" האט דער איד געזאגט.

א צופרידענער שמייכל האט באלויכטן דעם צדיק'ס געזיכט, און ער האט צום אידן געזאגט "איצט גיב איך דיר ערשט די הבטחה צוריק! איך האב נאר געוואלט, אז דאס זאל זיין א פארדינטע און נישט קיין אומזיסטע ! און וויבאלד דו האסט געהאט אזויפיל מסירת-נפש פאר דער מצוה פון לישב בסוכה, האסטו דאס טאקע כשר פארדינט".

*זי"ע ועל כל ישראל, אמן.*

בס"ד

# השיר והשבח

תודתינו נביע, ועת הזמר הגיע, להודות ולהלל בשבח שיר
ואילו פינו מלא שירה אין אנחנו מספיקים את חובותינו למלא
רב ברכות יעלו על ראש הני גברא חשובי ברוכי בכל לשון תמיד
תאין ומתכנשין בכל עת ועידן לטכס עצה ומזימה לטובת האי מקומא
אוצרותיהם מוריקן ובלבותיהם הנדיבים חושבים מחשבות לעזור בקודש
מעלותיהם נמנו בשבחא דבי רבנן ותלמידיהון, חילם לאורייתא כה לחי
תאיר ארץ ממעשיהם רודפי צדקה וחסד כל היום בפי כל נעלה ונערץ

ה"ה הרבני הנגידים החשובים הנכבדים בעם

מוה"ר ר' **יהושע זאב ברה"ל גרינפעלד** הי"ו

מוה"ר ר' **מאיר יעקב טעסלער** הי"ו

מוה"ר ר' **נחום עזריאל גרינהויט** הי"ו

## חברי הנהלת הישיבה

אשר נושאים בעול במשך כל השנה כולה בהנהלת הישיבה על צד היותר טוב

ברכותינו וברכת כל מוקירי התורה אחת הוא

אך טוב וחסד ירדפוכם כל ימי חייכם וימלא ה' כל משאלותיכם לטובה
כל הימים הון ואושר בביתכם

כ"ד אסירי התודה

*יחזקאל יהודה סג"ל גליקמאן*
ראש הישיבה

**בשם צוות ותלמידי הישיבה**


# יו"ל ע"י ישיבה ומתיבתא "תורת אמת" ד'ראדשיץ

נתייסדה ע"פ בקשת כ"ק מרן אדמו"ר הרה"ק מטאהש שליט"א
**בנשיאות הרה"צ רבי יחזקאל יהודה סג"ל גליקמאן שליט"א**
נו"נ הרה"ק מופה"ד מרן רבינו סבא קדישא ישכר בער ב"ר יצחק מראדשיץ זצוקללה"ה
**ובהנהלת** מוהר"ר אברהם יהושע פריינד הי"ו - מוהר"ר מאיר יעקב טעסלער הי"ו -
מוהר"ר נחום עזריאל גרינהויט הי"ו - מוהר"ר יהושע זאב ברח"ל גרינפעלד הי"ו



**21 Cliff Ct. Monroe N.Y. 10950 – 845-783-6710 Fax 1-888-509-7486**



נערך ונסדר ע"י הבחור יעקב יהודא פערל נ"י

ProDesign